בעזרת השם יתברך

גליון

# באור החיים

פרשת שמות - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתס"ג

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
מוה"ר בנימין זאב חסן הי"ו
לע"נ זקינו הגאון הצדיק רבי אברהם חיים ב"ר בנימין זאב זצללה"ה אבדק"ק אור חיים
אשר הי' דבוק ומקושר באילנא דחיי רבינו הקדוש זי"ע והסתופף בצל הקודש רבות בשנים - יארצייט ביום כ"ז טבת - ה' וארא הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע

### צריכין להכין מעכשיו ליו"ט פסח

ואלה שמות בני ישראל.

יש לומר הענין מה שלעולם קוראים פרשיות אלו בחצי חודש טבת, על פי מה שמצינו בדברי חז"ל שכל שלשה חדשים הם תקופה אחת, וכתבו בספרים הק', דלכן החתימה שבחודש תשרי והגמרתו הוא בחנוכה, כי עד שלא עברו שלשה חדשים מתשרי, עדיין לא נגמרה ההארה שנחתמה אז, כי כל שלשה חדשים הם כקשר אחד.

כן יש לומר, שהמכוון הדבר כך, שמתחילין בקריאת ספר שמות בחודש טבת, כי על ידי קריאת פרשיות אלה של גלות וגאולת מצרים, הרי מעוררים הזמן של חג הפסח, לכן קורין אותם בתוך שלשה חדשים לט"ו ניסן שבו יחול חג הפסח, וממילא הזמן מסוגל ביותר להמשיך את אור חג הפסח בזמן הקריאה, כיון שכל שלשה חדשים הם תקופה אחת.

לכן מעת שמתחילין בקריאת פרשיות אלה, כבר מוטל עלינו להתחיל בעבודת ימי הפסח הבעל"ט, דהיינו לבער החמץ והשאור שהוא היצר הרע שבלב, וגם לקיים מה שאומרים בליל פסח, בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים, והיינו שצריך כל אדם לזכות ליציאת מצרים פרטיות, לצאת ממיצר ים שלו, ובכל עבודות אלה יש להתחיל כבר מימים אלו.

(עבו"ע פתג"ק שמות)

### תכלית גלות מצרים היתה ליכנס לשער החמישים

ויפן כה וכה.

איתא בזוה"ק דמלת 'כה' הוא הכ"ה אותיות של 'שמע ישראל', וקורין אותו ב' פעמים ביום, ערב ובוקר, וביחד הם חמישים אותיות כנגד החמישים שערי בינה, וזה ראה משה רבינו, 'ויפן כ"ה וכ"ה', דהוא ראה הכח של שער החמישים, והבין הענין של גלות מצרים, ויצא אל אחיו וירא בסבלותם, דהקב"ה הראה אותו תכלית הגלות, שעל ידי זה יזכה ביציאת מצרים וליכנס לשער החמישים, שערי בינה.

(עבו"ע שפת"ק בא)

### צדיקים יש להם גוף רוחני

של נעליך מעל רגליך.

פירשו בתיקוני זוה"ק, כי נעל איהו גופא, ואמר לו הקב"ה של נעליך שיפשוט מעליו את הגוף הזה, וילבש גוף רוחני.

וכן ראינו אצל כמה צדיקים, כמו שהעיד הרה"ק בעל מאור ושמש זי"ע, שראה אצל רבו הק' הרבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע, שבכל ערב שבת קודש, פשט את גופו של חול, ותלאו על החלון, ולבש לעצמו גוף מיוחד לשבת קודש,

המשך בע' ב

פרנס פעולות האיחוד לחודש טבת
נתנדב על ידי הרבני הנגיד הטפסר המרומם רודף צדקה וחסד בונה ומקים עולמות של תורה וחסידות
הרה"ח משה חיים בערקאוויטש שליט"א
לעילוי נשמות הוריו היקרים
אביו הרה"ח יעקב אליעזר ב"ר יחיאל מיכל ז"ל - אמו האה"ח מרת דבורה חנה ב"ר יצחק צבי ע"ה
ולע"נ בתו האה"ח מרת דילא רבקה לאה ע"ה
תהא נשמתם צרורה בצרור החיים אמן
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך! מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**אונז זענען עיקבתא דמשיחא, מיר גרייטן צו די פיסטרייט פאר משיח ער זאל שוין קענען קומען.**

(מפי השמועה)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

## די קליפה פון פרעה איז געווען אז מ'זאל זיך האלטן קלוגער

**ויאמר אל עמו הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו הבה נתכחמה לו פן ירבה.**

פרעגן די מפרשים וואס איז דער נתכחמה לו, וואס איז די גרויסע חכמה וואס ער האט דא ממציא געווען, רש"י הק' ברענגט וועגן דעם, ורבותינו דרשו נתחכם למושיען של ישראל לדונם במים.

קען מען מבאר זיין דעם ענין, לויט ווי די ספרים הק' זאגן אז עס זענען דא צוויי כוחות וויאזוי דער בעל דבר קומט צום מענטש, קודם קומט ער מיטן כח התאוה, מיט דעם פאפט ער אים אריין אין עבירות, דער מענטש ווערט ארייגעפאפט, נישט ווייל ער וויל חלילה נאר די תאוה שלעפט אים אריין, אז דער מענטש כאפט זיך טוט ער גלייך תשובה, ער בארעכנט זיך און ער אנטלויפט פון די חטאים, דער יצר הרע וויל דאך אבער נישט אז דער מענטש זאל זיך צוריקהאלטן און תשובה טוהן, קומט ער צו אים מיט א צווייטן כח, ער ברענגט אריין אין אים גסות הרוח, אנשטאט ער זאל זיך מכניע זיין און זיין א מודה על האמת אז ער האט געזינדיגט, מאכט ער אים פאר אן אויבער חכם, ער קומט מיט חכמה'לעך מיט פשעטלעך, ווער זאגט אז מ'טאר נישט, וואס האב איך דען געטוהן, ס'איז דא א דעה אזוי און א דעה אזוי, ער קען אין די תורה אליין טרעפן א דעה אז מ'מעג, ער קען מגלה פנים זיין בתורה שלא כהלכה, דער בעל דבר פארדרייט אים דער מוח ער זאל נישט זעהן די אמת.

אזוי איז ביי יעדע זאך וואס דער מענטש וויל תשובה טוהן, ער האט געגעסן איבריג, אדער גערעדט איבריג, און ער וויל זיך אביסל צוברעכן דאס הארץ, קומט דער בעל דבר מיט גסות הרוח, וואו שטייט מ'טאר נישט עסן איבריג, וואו שטייט מ'טאר נישט רעדן, מ'טאר נישט הערן, מ'טאר נישט שלאפן מער, ער איז קלוגער, ער וויל נישט זיין קיין מודה על האמת.

ממילא אז פרעה האט געוואלט איינשלעפן די אידן אין תאות אין די קליפה פון מצרים, די חטאים פון ערות הארץ, האט ער געזעהן אז מיט דעם אליין וועט ער זיי נישט קענען כאפן, ווייל א איד טוט תשובה, ער כאפט זיך וואס קען ער טון צו דעם, ער קען דאך אים נישט צוריקהאלטן פון תשובה טון, האט ער געטראפן אן עצה, הבה נתחכמה לו, לאמיר ארייינברענגען אין זיי חכמה'לעך, מיט דעם וועלן זיי שוין נישט קענען תשובה טוהן.

דאס איז פשט נתחכם למושיען של ישראל, תשובה איז דער מושיען של ישראל, דאס איז די ישועה פון א איד, אפי' ס'האט זיך געמאכט ער האט חלילה געזינדיגט, כאפט ער זיך גלייך צוריק, האט פרעה געזוכט אן עצה פאר דעם מושיען של ישראל, דער מענטש זאל נישט נתעורר ווערן צו תשובה, דורך נתכחמה לו, ער זאל זיך האלטן קלוגער, דאס איז געווען דער כח הקליפה פון פרעה אליין אויך, פרעה איז אותיות הער"ף, ער האט א קשה עורף, ער האט נישט געוואלט מודה זיין, ער האט זיך נישט געוואלט מכניע זיין פארן אייבערשטן, מאנת לענות מפני, און דאס האט ער געוואלט אריינברענגען אין אידישע קינדער.

(עבודת עבודה שפת"ק)

המשך מע' א

והכוונה בזה, כי על ידי אור השבת הופשט לגמרי מחומר הגוף הגשמי, ונתלבש כל כולו אור רוחני, אף שגם בימות החול היה גופו של הרבי ר' אלימלך מזוכך כמו נשמה ממש, כמו שכותב בנו הרה"ק ר' אליעזר ליפא מחמעלניק זי"ע, בספרו הק' אורח לצדיק פרשת תזריע, שאביו הק' היה אומר בזה"ל, הלואי שיהא לבני אדם נשמה טהורה מזככת כמו הגוף שלי, אבל בשבת נזדכך גופו עוד יותר ויותר, עד שתלמידו בעל המאור ושמש כינהו בלשונו הק', שפשט את הגוף של חול ולבש גוף של שבת.

(עבו"ע דב"ק בראשית)

# תוכן דברי אלקים חיים ששמענו מאת
# כ"ק מרן רבינו שליט"א
## בעת רעוא דרעוין משבוע העל"ט – פרשת ויחי תשפ"ו

א') ויחי יעקב וכו', ופי' רש"י, שכיון שנפטר יעאע"ה נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד שהתחילו לשעבדם, ולכא' צריך להבין ענין סתימת עיניהם ולבם דוקא.

ב') עוד פירש"י, דבר אחר ביקש יעקב לגלות את הקץ ונסתם ממנו. ובפסוק ויקרא יעקב אל בניו ויאמר האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים, פירשיז"ל ביקש לגלות את הקץ ונסתלקה ממנו שכינה והתחיל אומר דברים אחרים. ובזוה"ק הקשה על זה דהיאך התורה מעידה על הצדיק יעקב שאמר שיגלה דברים שלבסוף לא גילה. ותירץ שיעקב אכן גילה הקץ לבניו, ו'נסתם' היינו שגילה את הקץ בפנומיות דבריו והגילו נשאר בסתימה. והוקשו בספרי תלמידי בעל שם מה בא הכתוב ללמדנו בזה, הלא התורה היא ניצחית.

כעת אנו נכנסין לימי השובבי"ם, שהוא מתנה טובה שנתן הקב"ה לנו עת מיוחד לתשובה ולכפרה, לנקות הגוף והנשמה, מתאמרא בשם צדיקים שימי השובבים הם כמו העשרת ימי תשובה, ועלינו לדעת מה מוטל עלינו לעשות בימים גבוהים כאלו.

אנו נמצאים כעת בעיקבתא דמשיחא באחרית הימים שבעוד ימים אחדים נזכה להיגאל מגלותינו, בזמן זו צריכין להתחזק ביותר, כמו שכתוב בזוה"ק פרשת שמות, רבי שמעון זקף ידוי, ובכה ואמר, ווי לון לבני דור האחרון, שיהיה זמן קשה מאד לעמוד עם האמונה בהשי"ת, ווי למי שלא יעמוד אז, וזכאה חולקיה מאן דיעמוד ויתחזק אז, ויזכה לראות חדותא דמלכא לנצח נצחים, בזמן הזה צריכין להתחזק באמונה בהשי"ת, ומוסף שם מה שאמר הק אל הנביא זכריה, 'וצרפתים כצרוף את הכסף', השי"ת אומר: אייסר ואצרוף את ישראל ביסורים קשים בדור האחרון כמו שמנקים את הכסף, כדי לנקות אותם מכל הכתמים שנדבק בהם, 'ובחנתים כבחון את הזהב', ואביט בהם אם הם מנוקים מכל וכל, כמו הזהב שמבחינים בו אם הוא באמת זהב טהור, ומי שיתקיים בההוא זמנא בהאמונה, יזכה לראות 'חדותא דמלכא'.

ולפי שהזמן הזה קשה מאד נתן לנו יעאע"ה עצה, 'האספו ואגידה לכם וכו', יעאע"ה אמר לבניו ולדורות הבאים, יראי השם, תאספו, ודברו ביחד, איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק, בדברי תורה וחיזוק ובדרך הזה תוכלו להתקיים בהאמונה שלימה, 'ואגידה' לכם, לא 'ואומר' לכם, 'ואגידה' - לשון המשכה, כמו שאמרו חז"ל דברי אגדה שמושכין לבו של אדם לשמוע עוד ועוד, תאספו ביחד ותאמרו דברי אגדה שימשוך את לבכם, וזהו העצה שבזה תוכלו להתקיים בזמנים הקשים אשר יקרא אתכם באחרים הימים, וזאת צריך האדם לידע שבזמן הזה העיקר היא להתקיים בהאמונה, ואפי' אם אדם עוסק בעבודה כל היום אם חוסר האמונה ממנו יוכל להפסיד הכל, ואם יש לו האמונה אפי' אינו עוסק כל כך בעבודה יכול הגיע למעלה גבוה, כמו שאמר הרה"ק מ'רוזין זי"ע, יעאע"ה אמר לפני הסתלקתו, האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים, אשר 'יקרא' פי' הקרירות שיהיה אז באחרית הימים, והעצה להתחזק שם היא 'ואגידה לכם, פי' ואמשוך לבכם, והאיך מושכין הלב, ע"י שמתאספין בני ישראל ומדברין מעבודת הצדיקים הקדושים ודברי תורתם שנתנו בבנ"י, וכסדר צריכין לחזור על זה עוד ועוד, ובזה ימשוך הלב, ובזה יכולין להתקיים בכל מצב שהוא, ואמר לו 'אפילו פון אונז, קענט עטס אויך רעדן'. זה אמר בדורו, ובוודאי בדורינו שהקרירות הוא גדול ביותר צריכין אנו עוד יותר להתחזק בזה.

פעם בא איש אחד אל החזון איש זצ"ל ואמר לו שצריך לנסוע לצורך פרנסה עם איזה קבוצה, ואני בטוח שלא אניח כלום מעבודתי בתפילה ובתורה, ויכול להיות שיקלוט בי קצת דקצת קרירות אבל לא יותר, אמר לו החזון איש שחס ושלום לא ינסוע, לפי שצריכין לעמוד במסירת נפש שלא להתקרר אפי' מעט, שהוא ביהרג ואל יעבור כמו בהשלש עבירות חמורות, לפי שאם בא לאדם אפי' מעט קרירות יבא עי"ז להיכשל בכל השלש עבירות החמירות. לזה צריכין לעשות העצה מיעאע"ה 'האספו ואגידה' כדי להתקיים.

'אשר יקרא אתכם' מורה גם על עניני קדושה וטהרה, שצריכין לתקן בימי השובבים שבא לכפר ולנקות האדם מזה, חז"ל אמרו 'אין הכסא שלם ואין השם שלם עד שימחה זרעו של עמלק', מה עשה עמלק, 'אשר קרך בדרך' היינו שהביא קרירות בבני ישראל בעניני קדושה וטהרה, כדכתיב שם ויזנב בך כל הנחשלים אחריך, אנו עומדין באחרים הימים שמצפין לראות בחדותא דמלכא לנצח נצחים, לכן צריכין לעמוד נגד הקרירות שמסתובב בעולם בעניני קדושה וטהרה, שהנסיון הוא עוד יותר קשה מבדור המבול, שהכל גלוי היום לכל, לזה צריכין לקיים העצה 'האספו ואגידה' לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים, ולא לילך אחר הקרירות בעניני קדושה, ורק להתנהג בקדושה וטהרה. כתוב בתורה, ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם, ולא תתורו פי' כמו לתור את הארץ, וממשמעותו משמע שמרגלים הולכין למרוד בהארץ, כן פי' גם ולא 'תתורו' אחרי לבבכם וכו', פי' תראו שלא תמרדו כל הגוף אחרי לבבכם ועיניכם, שכשהלב והעינים אינן בקדושה וטהרה, כשהעין רואה והלב

חומד אזי מרדו נגד כל הגוף, שכל הגוף הולכין עמם למרוד בה', וזה צריכין לקבל עלינו בימי השובבים, ועל זה אמר יעאע"ה שצריכין לחזור ולדבר דברי תורה וסיפורי צדיקים.

בא פעם אחת בן בליעל להרה"ק רבי מאיר'ל מפרימישלאן זי"ע, ור' מאיר'ל דיבר אתו אודות מצבו השפלה שצריכין לעשות תשובה וצריכין להתנהג בקדושה, והאיש ענה לו בחוצפה: הרבי הוא כמו אתרוג שיש בו טעם וריח, ואני הוא כמו ערבה שאין בו לא טעם וריח, נמצא שהרבי' נזקק לי שאין יכולין לקיים המצוה בלי הערבה, אמר לו ר' מאיר'ל: אמת, אבל תדע שבאם תתפלג מן האתרוג, דהיינו אם תתרחק מהוראת הצדיקים ותלך אחר שרירות לבך, יעשה עמך כמו הערבה שמתפלג מן האתרוג ביום הושענא רבה, שלוקחין הערבות וחובטין אותו בקרקע עד שנחבט היטב, לכן תשאר מחובר להוראות הצדיק.

דהמע"ה אומר בתהלים, 'חגור חרבך על ירך גבור' וכו', אמר הרה"ק בעל אך פרי תבואה זי"ע, 'חגו"ר' הוא ר"ת ר'איה ג'מר ח'ומד, פי' 'חגור חרבך' השמר לך הראיה שלך והחומד שלך והגמר, שכשהעין רואה והלב חומד יכול לבוא שהכלי מעשה גומרין רח"ל, 'על ירך' פי' על מדת היסוד, והאיך תוכל להישמר 'חגור'ך', ע"י 'חרבך', היינו חרב פיפיות, דהיינו על ידי שהאדם מתפלל ולומד בפיו יוכל לשמור את עצמו, 'הודך' היינו התורה כמו שאמרו חז"ל שהמלאכים אמרו תנה 'הודך' על השמים, וזו הוא 'הדרך', 'והדרך צלח רכב על דבר אמת' היינו שתלך ותחרוש בהתורה הק' ועי"ז תוכל לשמור את עצמך. מי שרוצה לשלוט על יצרו צריך למשוך ללמוד התורה הק' ולהתפלל אל ה' ע"י חרב פיפיות שלו.

ובכח זה שמר יעאע"ה את עצמו במצרים שהיה מקום ערות הארץ, כמו שכתוב 'ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה', בגי' 'טוב', ואין טוב אלא תורה, יעאע"ה שמר קדושתו בארץ מצרים ולא נכשל על ידי שחי' בהתורה הק', וזה מסר גם לבניו אחריו, כמו שמובא במדרש שיעאע"ה אמר: לולי תורתך שעשועי' אז אבדתי בעניי, לולי זאת שלקחנו מגילות שנכתב בו התורה הק' ולמדנו בהם, אז היינו נאבד בטומאת ערות הארץ, בזה שלמדו בכל עת שהיה להם, בשבתות וימים טובים, בזה היה להם הכח להישמר מן החטא. ובזה נבין הזוה"ק שיעקב גילה הקץ לבנ"י, אבל נסתם ממנו היינו שאמרו בהסתר, ובזה גילו התלמידי בעל שם מה שאמר יעאע"ה, שגילה להם 'האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים', שיהיה קרירות גדול והעצה לזה הוא לאסוף ולדבר דברי תורה ותפילה.

בזה נתרץ גם קושיתנו בדברי רשיז"ל שנסתמו עינים ולבם, ולמה דייקא עיניהם ולבם, דהנה בני ישראל היה להם שם כבר התאוה של עין רואה והלב חומד, וכשנפטר יעקב האיר להם ביותר שיוכלו להישמר ע"י התורה שמסר להם, שגדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן, וזהו 'ויחי' יעקב - צדיקים במיתתן קרויים חיים - אז כשנסתלק יעקב נסתמו עיניהם ולבם דוקא, שהאיר להם יעקב שיוכלו לסתום העינים והלבבות שלא לחטוא בהן, ובהם תלויים כל האיברים.

ולכן פרשה זו סתומה, לפי שידוע שיש שישים רבוא אותיות לתורה ויש שישים רבוא נשמות ישראל, כל נשמה הוא נגד אות אחד בתורה, וכשישראל פוגם ח"ו בעבירות ולא נוהג בקדושה וטהרה לא יוכל להיות נגד אות קדוש בהתורה הק', לכן נעשה כמי שנמחק, ולכן יש בין כל פרשה בהתורה הק' קצת הפסק, ריוח תשע אותיות, שהוא נגד הנשמות שפגמו ולא יוכלו להיות נכתב בתורה הק', ובפרשה דידן כשהתחיל הגלות הראשון שבו נרמזו כל הגליות, מילא יעאע"ה ההפסק בין הפרשיות, לרמוז שאפי' בנ"י יהיו בגלות ויעברו נסיונות קשים יהא להם הכח שלא יפגמו ולא יסתמו אותיותיהם מן התורה, ומה כתוב באותיות אלו, ויחי יעקב וכו' שבע עשרה שנה, בזה האותיות שמילא פעל שיחיו בניו בכל הגליות הקשים ע"י התורה הק', ויוכלו בזה לשמר מן החטאים, ובזה גם התפלל עלינו שנוכל להתקיים בגלות.

וזאת עלינו לידע ולהכיר שיעאע"ה נתן לנו העצה והכח לעמוד בנסיונות הקשים, ואם יעאע"ה עסק בנשמות נמוכים ביותר צריכין אנו להתחזק בו ולילך בדרכיו, בתורה ותפילה, ובזה נוכל להישמר עצמינו מכל חטא ועון, והוא מתפלל עדיין עלינו, ואנו גם אנו נתפלל עלינו והוא יעשה האתערותא דלעילא ואנו נעשה האתערותא דלתתא, שבוע זו נקרא שבת חזק, חזק חזק ונתחזק, וצריכין להתחזק ולהתנהג בקדושה וטהרה, ובפרט בעיר קדוש הזה שיסד רבינו הקדוש בקדושה.

אמרו חז"ל אין הברכה מצויה אלא בדבר הסמוי מן העין, והכוונה הוא מי שמסמא עיניו ולבו מן החטא, ואינו הולך אחר הרעה, אזי מצויה אצלו הברכה, וזה שייך גם בעירנו שהוא מקום הסמוי מן הרע, ויהי רצון שישאר סמוי מן הרע, והברכה יהיה מצוי, ויהיה לכל ישראל פרנסה בהרוחה, השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות, נחת מן הבנים, וכל טוב. ויוכלו להשמר מן החטא ע"י התורה הק'.

גם רביה"ק זי"ע נקבר כאן, והוא שומר ומתפלל עלינו, אך מוטל עלינו לעשות אתערותא דלתתא, ועי"ז יעשה לנו אתערותא דלעילא, עדי נזכה להיגאל, וכל הנסיונות הקשים יבטל מעלינו, עד ביאת גואלינו ובא לציון גואל בב"א.

באותות אהבה וחבה, ברגשי ששון ושמחה, באתי בזה מעומקא דלבא, לברך ברכת מזל טוב, לכבוד חברי היקר, נודע לשם ולתהלה, פאר המעלות ונועם המידות, עושה חסד לאלפים, לב טוב ומטיב לכל, ה"ה

**החתן יעקב חיים אמסעל נ"י**

**לרגל שמחתו הגדולה בשמחת אירוסיו למזל טוב**

וזאת הברכה מאלקי המערכה, שתהא בנין עדי עד וקשר של קיימא, ותזכה לראות דורות ישרים ומבורכים, ונחת דקדושה והרחבת הדעת כל הימים, עדי נזכה לביאת משיח צדקינו, ומלכנו בראשינו בב"א

המברך בלב מלא שמחה:

**חבריך אשר ענזיל געלב**

# א תורה אויף די פרשה

## ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה.

לכאורה איז שווער, פארוואס זאגט דער פסוק 'הבאים', א לשון הווה, זיי זענען שוין געקומען א שטיק צייט צוריק, וואלט דאך ענדערש געדארפט שטיין 'שבאו'. נאר מען קען עס מסביר זיין, אז דער פסוק קומט אונז דערציילן די לויב פון די שבטים, אז אויך ווען זיי זענען אראפ קיין מצרים, האבן זיי זיך נישט אויסגעמישט מיט די גוים, נאר זיי זענען געבליבן מיט די זעלבע ערליכקייט, דערפאר זאגט די תורה 'הבאים', ווייל אויך יעצט, שוין לאנג נאכדעם וואס זיי זענען געקומען, זענען זיי אויפ'ן זעלבן מדריגה ווי ווען זיי זענען אנגעקומען קיין מצרים.

(כתב סופר)

## הבה נתחכמה לו.

עס ווערט געברענגט א שיינע רמז אין די פסוק, חז"ל זאגן אז דער שעבוד מצרים האט זיך אנגעהויבן ווען די שבטים זענען געשטארבן, דער לעצטער פון די שבטים וואס האט געלעבט איז געווען לוי, און עס ווערט געברענגט אין אבן עזרא, אז לוי איז געווען אלט דריי און פערציג יאר ווען ער איז געקומען קיין מצרים, און געלעבט האט ער הונדערט זיבן און דרייסיג יאר, קומט אויס אז ער האט געלעבט אין מצרים פיר און ניינציג יאר.

אין מצרים זענען די אידן געווען צוויי הונדערט און צען יאר, קומט אויס אז פון ווען לוי איז נפטר געווארן ביז די אידן זענען ארויס פון מצרים, איז געווען הונדערט און זעכצן יאר, ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים איז משה רבינו אלט געווען אכציג יאר, קומט אויס אז פון ווען לוי איז נפטר געווארן ביז משה רבינו איז געבוירן געווארן, איז געווען זעקס און דרייסיג יאר, במשך די זעקס און דרייסיג יאר האבן די מצריים געפייניגט די אידן מיט א אכזריות, אבער תיכף ווען משה רבינו איז געבוירן געווארן איז זייער כח פארקלענערט געווארן.

דאס קען זיין מרומז דא אין פסוק, הבה נתחכמה 'לו', די זעקס און דרייסיג יאר וואס זיי האבן באוויזן זיך צו קלוגן און משפיל זיין די אידן, אבער נאך דעם האבן זיי קיין כח נישט געהאט איבער זיי.

(הגאון מ'פלאצק זי"ע)

# א ווארט צום שבת טיש

געקלי'בענע תורות און מעשיות נאכצואגן ביים שבת טיש

## הבה נתחכמה לו פן ירבה והיה כי תקראנה מלחמה ונוסף גם הוא.

מען קען מרמז זיין דא אין פסוק א שטארקע מוסר השכל, והיה איז א לשון פון שמחה, דאס האט פרעה געזאגט, לאמיר זיך קלוגן אויף די אידן, דורך זיי אוועקנעמען די שמחה, ווייל אויב זיי וועלן זיין בשמחה און עס וועט זיין א מלחמה מיטן יצר הרע וועלן זיי געווינען, ווייל דורך שמחה קען מען בייקומען אלע מלחמות מיטן יצר הרע, דאס האט פרעה געוואלט אוועקנעמען.

(ספרים הק')

## ותפתח ותראהו את הילד והנה נער בכה ותחמול עליו ותאמר מילדי העברים זה.

לכאורה איז שווער, וויאזוי קען זיין אז די טאכטער פון פרעה זאל האבן אין זיך די מידה פון רחמנות, איר טאטע איז דאך געווען א גרויסער רשע וואס האט באפוילן אויסצוהרג'נען אלע אינגלעך.

נאר מען קען פארשטיין דעם ענין, אז נאך דעם וואס מען קוקט אריין אין א פנים פון א צדיק און מען זעהט זיין הייליגע צורה, ווערט א מענטש אינגאנצן געטוישט און מען האט א השפעה פון די מידות פונעם צדיק, דאס זאגט די פסוק, 'ותפתח ותראהו את הילד', ערשט נאכדעם וואס זי האט געזעהן די הייליגע צורה פון משה רבינו, 'ותחמול עליו', האט זי רחמנות געהאט.

(מהר"ש מבעלזא זי"ע)

## אכן נודע הדבר.

אנהייב האט משה רבינו נישט פארשטאנען פארוואס אידן ווערן געפייניגט אין גלות מער פון אלע אנדערע פעלקער, אבער יעצט ווען ער האט געזען אז עס איז דא צווישן די אידן לשון הרע און מסירות, האט ער אפילו געפרעגט 'וכי אוציא את בני ישראל', צוליב וועלכע זכות זענען אידן בכלל ראוי צו ווערן



אויסגעלייזט.

(שפת אמת)

# א מעשה אויף די פרשה

## מי אנכי וגו', וכי אוציא את בני ישראל.

רש"י הק' איז מסביר, אז משה רבינו האט געזאגט צוויי זאכן, איינס, 'מי אנכי', אז ער איז נישט ראוי צו גיין, און אויך 'וכי אוציא', וואס פאר א זכות האט כלל ישראל אז זיי זאלן אויסגעלייזט ווערן.

לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס פאר א שייכות האט די טענה פון 'מי אנכי' מיט די טענה וועלכע זכות די אידן האבן?

נאר מען קען דאס מסביר זיין, מיט די מעשה וואס ווערט דערציילט איבער דער הייליגער חתם סופר זי"ע, אז ווען ער איז שוין געווען אויף די עלטערע יארן, און ער איז שוין געווען אביסל שוואך, פלעגט זיין זוהן רבי שמעון סופר זי"ע, פארליינען פאר זיין טאטע אלע שאלות וואס פלעגן קומען צום חתם סופר פון אלע עקן וועלט.

איינמאל, לייענדיג פאר איהם א בריוו פון א געוויסן גדול, האט רבי שמעון סופר אויך פארגעליינט די אלע שבחים און טיטלען מיט וועלכע דער גדול האט באטיטלעט דעם חתם סופר, ווען דער חתם סופר האט געהערט די שבחים האט ער זיך גענומען קרעכצן, האט רבי שמעון געפרעגט, וואס איז דא צו קרעכצן, ווייסטו דען נישט אז דו ביסט היינט דער גדול הדור.

האט דער חתם סופר געענטפערט, 'טאקע אויף דעם קרעכץ איך', און האט געגעבן נאך א שטערקערע קרעכץ, זאגענדיג 'ווי פאריתומ'ט מוז שוין דער דור זיין, אז בעוונותינו הרבים בין איך גערעכענט פאר דער גדול הדור'.

האט אויף דעם רבי שמעון סופר געזאגט, אויך משה רבינו האט געזאגט דאס זעלבע זאך, קודם האט משה רבינו געזאגט, 'מי אנכי כי אלך אל פרעה', משה רבינו האט מיט זיין גרויס ענייות געזאגט צום אייבירשטן, ווי קום איך צו זיין א מנהיג ישראל, און צווייטנס, אויב די אידן זענען שוין צוגעקומען צו אזא מצב אז איך בין שוין דער גדול הדור, איז דאך דאס א באווייז, אז זיי געפינען זיך אין א זייער נידריגע מצב, אויב אזוי, אין וועלכע זכות וועלן זיי זוכה זיין צו דער גאולה.

*

## תבן אין ניתן לעבדיך ולבנים אומרים לנו עשו.

ווען מ'האט געוואלט מכתיר זיין דעם צדיק רבי יצחק אייזיק מלענטשנא זי"ע אלס רבי, איז ער געפארן צום הייליגן רבי יודא לייבוש מזקילקוב זי"ע, א תלמיד פון הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע, און זיך געבעטן אז מ'זאל אראפנעמען פון אים דאס עול הרבנות, זאגענדיג אויף זיך דעם פסוק, 'תבן אין ניתן לעבדיך', שכל האט נישט דיין קנעכט, 'ולבנים אומרים לנו עשו', און מ'זאגט מיר אז איך זאל אנטון ווייסע קליידער, האט אים רבי יודא לייבוש מזקילקוב געענטפערט, 'נאר אזא איינער דארף זיין א רבי, וועמען מ'וויל און ער וויל נישט'.

*

דאס זעלבע ווערט דערציילט אויפ'ן צדיק הרה"ק רבי שלמה מקארלין זי"ע, אז נאכדעם וואס דער הייליגער מגיד פון מעזריטש זי"ע איז נפטר געווארן און מ'האט געוואלט נעמען דעם קארלינער רבי אלס זיין ממלא מקום, האט ער עס נישט געוואלט אננעמען, זאגנדיג, איך וויל פארן צום זלאטשוב'ער מגיד זי"ע וועלכער קען אויפדעקן באהאלטענע סודות, ער וועט שוין זאגן מיינע עבירות און פגמים, דורכדעם וועט מען שוין אויפהערן אז איך זאל ווערן רבי'.

ווען דער קארלינער זי"ע איז אנגעקומען צום מגיד, האט ער אים אויפגענומען מיט שמחה און שטארק אויסגערימט דעם גרויסן גאסט, האט זיך דער קארלינער געוואונדערט, אז דא איז אויך נישט פארהאן קיין אמת.

האט אים דער זלאטשוב'ער מגיד שארף אפגענטפערט, 'איר דארפט זיין א וועגווייזער פאר אידישע קינדער, איר דארפט אריינגיין אין טיפן בלאטע ביז'ן האלדז און ארויסשלעפן פון דארט נפשות ישראל וועלכע זינקען אין טיפן בלאטע'.

*

## ותשלח את אמתה.

עס ווערט דערציילט אז אין לובלין איז אמאל פארגעקומען א אסיפה וואו מ'האט ארויפגעברענגט א געוויסע פראבלעם און עס האט זיך געפאדערט שטארקע כוחות דאס דורכצופירן.

ווען איינע פון די אנוועזענדע רבנים האט זיך אנגערופן אז דאס איז אוממעגליך דורכצופירן, האט זיך דער גאון רבי מאיר שפירא זי"ע אנגערופן, פארוואס דערציילט אונז די תורה דעם נס וואס האט פאסירט צו א גוי אז איר הענט איז געווארן לאנג, נאר כדאי צו ווייזן, אז אפילו פאר א גוי וואס האט זיך אביסל אנגעשטרענגט האט דער אייבערשטער געמאכט א נס, און איר הענט איז פארלענגערט געווארן, וועט השי"ת ווייזן אזעלכע נסים פאר אידן, און העלפן פאר די וואס פרובירן. ודפח"ח.






# זהירות אין קאן (ד)

## צוויבל - קנאבל

## צוויבל

אין דעם מאמר האבן מיר געשריבן בעזהי"ת פארשידענע אקטועלע הנהגות און שאלות וואס קען זיך מאכן ביי געשיילטע "צוויבל" און "קנאבל" וואס האבן איבער גענעכטיגט.

כג

### שאלה: איינער וואס וויל נוצן נאר א טייל פון א צוויבל, וואס זאל ער טון אז מען זאל קענען עסן די איבעריגע צוויבל, אינעם אנדערן טאג?

**תשובה:** אז מען וויל נוצן נאר א האלבע צוויבל, זאל מען נישט אפשיילן די גאנצע צוויבל, נאר מען זאל אראפשניידן וויפיל צוויבל מען וויל נוצן, און דאס אפשיילן, און די איבעריגע צוויבל זאל בלייבן מיט די שאלאכטץ, און מען זאל עס אפשיילן פארן נוצן.

**באמערקונג**

עס איז גענוג אז עס בלייבט איבער אויף די צוויבל אפילו נאר אביסל פון די שאלאכטץ, אויך איז גענוג ווען עס בלייבט איבער אביסל פון די ווארצלען פון די צוויבל.

כד

### שאלה: איז די קפידא שייך אויך ביי געדינסטע צוויבל וואס האט גענעכטיגט?

**תשובה:** געדינסטע צוויבל וואס ווערט געפרעגלט אין אויל, איז נישט שייך די קפידא, וויבאלד ס'איז אויסגעמישט מיט אויל.

כה

### שאלה: איינער האט געקאכט א געקעכטס, ווי למשל פיש

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

### א.ד.ג. אויף שבת, מיט צוויבל אדער קנאבל וואס האבן גענעכטיגט אן קיין שאלאכטץ, מעג מען עסן די געקעכטס?

**תשובה:** אויב עס איז געווען אין טאפ וואס מען האט געקאכט די געקעכטס, זעכציג מאל מער ווי די אפגעשיילטע צוויבל, אדער קנאבל, מעג מען דאס עסן, און מען קען אריין רעכענען אויף די וואסער און אלע זאכן וואס זענען געלעגן אין די טאפ, אבער אויב ס'איז נישט געווען אינעם טאפ זעכציג מאל א קעגן די צוויבל, זאל מען נישט עסן די פיש, ווען עס איז וויכטיג זאל מען פרעגן א שאלה (דבמקום צורך יש לצרף מה שכתב בשבות יעקב שאין לאסור בדיעבד, וגם יש לצרף מה שכתב בפתחי תשובה (סימן של"ט ס"ק ד') דשומר מצוה לא ידע דבר רע).

**באמערקונג**

דער היתר צו עסן די געקעכטס אויב עס איז דא זעכציג מאל מער פון די צוויבל אדער קנאבל, דאס איז נאר כלפי די געקעכטס, אבער די געקאכטע צוויבל אדער קנאבל וואס זענען געקאכט געווארן אין דעם טאפ, טאר מען נישט עסן, אפילו ווען עס איז דא אין די געקעכטס זעכציג מאל מער, וויבאלד די צוויבל און קנאבל זענען געווארן אסור צו עסן, קען עס מער נישט מותר ווערן.

כו

### שאלה: איז שייך די קפידא אויך ביי יונגע צוויבל (סקעליען), צי די קפידא איז נאר ביי געהעריגע צוויבל?

**תשובה:** עס איז א קלער אין די פוסקים צי די קפידא איז שייך אויך ביי געשיילטע יונגע צוויבל וואס האבן גענעכטיגט, וויבאלד די צוויבל האט א צונאמען, איז עס אפשר נישט אין כלל פון די קפידא, דעריבער זאל מען לכתחלה מחמיר זיין אויך אויף דעם נישט צו לאזן איבער נעכטיגן אן קיין שאלאכטץ, און אויב מען האט עס שוין אפגעשיילט, זאל מען דאס אויסמישן אין א אנדערע מאכל, אדער לייגן דערויף זאלץ א.ד.ג.

און בדיעבד אויב עס האט גענעכטיגט אן קיין שאלאכטץ, און עס איז נישט געווען אויסגעמישט מיט עפעס א מאכל, קען מען זיך פארלאזן אויף די מקילים, און עסן די גאנצע צוויבל, און כל שכן די גרינע בלעטלעך פון די צוויבל (מובא בשם החזו"א דבצל ירוק אינו בכלל בצל לענין זה, מבית לוי יו"ד עמוד צ"א).

מען קען קלערן, אויב מען לאזט איבער אויף די יונגע צוויבל די גרינע בלעטער וואס איז העכער די ווייסע חלק פון די צוויבל, צי מען מעג אפילו לכתחלה לאזן נעכטיגן די גאנצע צוויבל וואס איז אפגעשיילט, וויבאלד נישט די גאנצע צוויבל איז געווארן אפגעשיילט, האט דאס די זעלבע הלכה אזוי ווי א צוויבל וואס האט נאך אויף זיך אביסל שאלאכטץ, אדער אביסל פון די ווארצלען.

## רויטע צוויבל

עס זענען דא צוויבל מיט א רויטע קאליר, דאס גייט אריין אין כלל פון געהעריגע צוויבל, און מען דארף אכטונג געבן אויף אלע הלכות פון געהעריגע צוויבל.

כז

### שאלה: איז שייך די קפידא אויך אויף צוויבל און קנאבל וואס זענען געווארן צוריבן אויף קליינע שטיקלעך, אדער מען האט געמאכט דערפון זאפט, און דאס האט גענעכטיגט?

**תשובה:** צוויבל און קנאבל וואס זענען געווארן צוריבן אויף קליינע שטיקלעך און מען דערקענט אז עס איז

פון צוויבל אדער קנאבל, איז שייך אויף דעם די סכנה, אבער אויב ס'איז איינגאנצן צוריבן געווארן און מען דערקענט נישט אז דאס צוריבענע צוויבל אדער קנאבל, איז מחלוקת הפוסקים צי עס איז שייך אויף דעם די סכנה, דעריבער זאל מען לכתחילה מחמיר זיין, בדיעבד קען מען מקיל זיין.

## כח
## שאלה: אויב מען האט געשניטן מיט א מעסער, צוויבל אדער קנאבל וואס האבן גענעכטיגט אן שאלאכטץ, דארף מען כשר'ן די מעסער?

**תשובה:** כאטש די הלכה איז אז ווען מען שניידט מיט א מעסער א שארפע מאכל וואס מען טאר נישט עסן, ווערט די מעסער אסור, למשל מען האט געשניטן א צוויבל אדער א קנאבל וואס האט אין זיך בליעות פון א איסור, ווערט די מעסער אסור, און מען דארף עס כשר'ן, פונדעסטוועגן אויב מען האט געשניטן מיט א מעסער געשיילטע צוויבל אדער קנאבל וואס האט איבער גענעכטיגט, ווערט נישט די מעסער אסור, און מען מעג שניידן דערמיט אנדערע שארפע זאכן, ווייל עס איז דא א כלל, אז ביי די ענינים פון סכנה, דארף מען נישט חושש זיין נאר אויף דעם וואס די חכמים האבן געאסר'ט, און וויבאלד ביי די הלכה פון געשיילטע צוויבל וואס האבן גענעכטיגט שטייט אין די גמרא "האוכל שום קלוף או בצל קלוף", האבן זיי געאסר'ט נאר צו עסן די צוויבל און די קנאבל וואס האט גענעכטיגט, און נישט זייער בליעות.

אבער לכתחלה זאל מען נישט שניידן מיט א מעסער א צוויבל וואס האט גענעכטיגט אן קיין שאלאכטץ, ווייל עס זענען דא פוסקים וואס האלטן, אז אויך די בליעות פון א סכנה אסר'ן די מעסער.

**באמערקונג**

אויב מען האט בדיעבד געשניטן א צוויבל אדער קנאבל וואס האט גענעכטיגט אן אן קיין שאלאכטץ, זאל מען דאס אפוואשן פארן שניידן דערמיט אנדערע מאכלים, ווייל די מעסער איז געווארן אנגעקלעבט פון די זאפט פון די צוויבל אדער קנאבל, און דאס איז אסור.

## כט
## שאלה: עס איז דא אין די געשעפטן צו קויפן צומאלענע קנאבל "גארליק פוידער" מיט א הכשר, אויך איז דא צו באקומען "קנאבל טראפן", וויאזוי מעג מען דאס ניצן, מען מישט דאך נישט אריין דערין קיין שום אנדערע זאך?

**תשובה:** די בעלי מכשירים האלטן, אז וויבאלד די קנאבל איז געווארן צומאלן און פארטריקנט, אדער צוקוועטשט און ס'איז געווארן טראפן, האט עס פארלוירן זייער נאמען, און זייער אויסזען, דעריבער האט עס מער נישט די הלכה פון קנאבל (דרכי תשובה סימן קט"ז ס"ק ע"ד, שו"ת חלקת יעקב יו"ד סימן ל"ט).

דער דעברעצינער רב זצ"ל שרייבט, אז דער המון עם פארלאזט זיך אויף די הכשר, ווייל מסתמא זענען די בעלי מכשירים מדקדק אז מען זאל עפעס אריין לייגן אין דעם נאכן אפשיילן, אדער מאלן זיי אריין אויך די ווארצלען פון די קנאבל, וואס דעמאלטס איז נישטא קיין סכנה דאס צו עסן, און ער שרייבט אז דעריבער זאל מען דאס נוצן נאר אויב עס האט א פארלעסליכע הכשר, און ער פירט אויס, אז איינער וואס איז א מדקדק בהלכה, זאל דאס בכלל נישט נוצן (שו"ת באר משה ח"ג סימן קט"ו).

## ל
## שאלה: עס איז דא היינט צו טאג צו קויפן אין געשעפטן קנאבל וואס איז געשיילט, וואס איז די היתר דערפון?

**תשובה:** די בעלי מכשירים פארלאזן זיך אויף דעם וואס זיי לאזן איבער ביים שפיץ פון די קנאבל אביסל פון די ווארצל, און אין די גמרא שטייט אז מען לאזט איבער אביסל שאלאכטץ אדער פון די ווארצל, איז נישטא די סכנה.

און אויף דעם איז גילטיג וואס מיר האבן געשריבן אין די פריערדיגע תשובה, די ווערטער פונעם דעברעצינער רב זצ"ל וואס ער שרייבט, אז מען זאל דאס נוצן נאר אויב עס האט א פארלעסליכע הכשר, און אז איינער וואס איז א מדקדק, זאל דאס בכלל נישט נוצן.

## לא
## שאלה: איז שייך די קפידא אויף ביי געשיילטע רעטער, וואס האבן איבער גענעכטיגט ביינאכט?

**תשובה:** על פי הלכה דארף מען נישט חושש זיין נאר צו דעם וואס שטייט אין די גמרא און די פוסקים, וואס דאס איז, געשיילטע אייער צוויבל, קנאבל, אבער עס זענען דא וואס פירן זיך מחמיר צו זיין לכתחלה אויך אויף רעטער (שו"ת קב זהב סימן י"ד), יעדער דארף זיך פירן כפי מנהג אבותיו, און ווער עס האט נישט קיין מסורה מחמיר צו זיין, דארף נישט חושש זיין דערויף.

בדיעבד אויב מען האט עס געלאזט איבער נעכטיגטן, מעג דאס יעדער עסן.

## געשיילטע חריין

עס זענען דא וואס זאגן אז אויך אויף אנדערע שארפע מאכלים דארף מען אכטונג געבן דערויף, ווי געשיילטע חריין א.ד.ג.

עס איז כדאי אנצומערקן אז די פוסקים שרייבן ביים אנגרייטן די חריין אויף די סדר נאכט, אז אויב מען צורייבט די חריין ערב יום טוב אויף די סדר פון די צווייטע נאכט, זאל מען דאס גוט צודעקן, כדי עס זאל נישט פארלירן די שארפקייט, זעט מען פון דעם אז דאס וואס איז אן די שאלאכטץ איז נישט קיין קפידא (ויש ליישב שיטת המחמירים, דפסח שאני דהוי ליל שימורים).

# באור התפילה

נכתב ע"י ועד מורא מקדש דקהל אור החיים דטאהש

## בעסער דאווען אינדערהיים....

דער הייליגער חיד"א זי"ע שרייבט, איינער וואס רעדט אין בית המדרש איז בעסער ער זאל נישט קומען אין שול, ווייל ער איז א חוטא ומחטיא און דער שטן איז מקטרג און זאגט אויף אים, קוק ווי דער טאג איז צו קליין פאר דעם מענטש, ער טרעפט נישט ווען צו רעדן מיט אנדערע נאר בשעת'ן דאווענען.

נאך מער שרייבט די חיד"א **"אז אפילו יום כיפור ווען יעדער קומט אין שול זאל אזא איינער נישט קומען אין שול".**

*

אין ספר חסידים (סי' תשפ"ג) שטייט אז אויב איינער ווייסט אז עס איז דא וואס שמועסן בשעת'ן אנהייבן דאווענען, און ער האט מורא אז ער וועט זיך נישט קענען איינהאלטן פון מיטשמועסן, זאל ער בעסער קומען שפעט ווען מ'האלט שוין אינמיטן דאווענען.

*

הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע האט געזאגט, אז ווען איינער האלט זיך צוריק פון קומען אין ביהמ"ד ווייל ער ווייסט אז ער וועט זיך נישט קענען איינהאלטן פון שמועסן ביים דאווענען, באקומט ער שכר דערויף.

*

אין שו"ת באר משה ווערט געברענגט, אז ער האט געהאט אין ביהמ"ד א איד וואס פלעגט רעדן בשעת'ן דאווענען, האט ער אים געזאגט, 'כ'בעט דיר, בלייב דאווענען אינדערהיים ביחידות און נאך די הונדערט צוואנציג יאר ביים בי"ד של מעלה זאלסטו זאגן אז איך האב געפסק'נט אז ס'איז בעסער זאלסט דאווענען אינדערהיים ווי קומען אין ביהמ"ד דאווענען מיט מנין און רעדן ביים דאווענען'.

פארשטייט זיך מדה טובה מרובה לפום צערא אגרא אז מ'שטארקט זיך איז מען זוכה צו אלע גוטע השפעות ברוחניות ובגשמיות, אמן. (ספר קדוש היכלך)



## ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה.

רבינו הק' זי"ע פרעגט אין עבודת עבודה (פתג"ק) עטליכע קשיות אויף די פסוקים אין די פרשה, איינס פארוואס שטייט ו'אלה, דא איז דאך אנהייב סדר שמות, צו וועלכע ענין ראשון איז דאס מוסיף. אויך ווייטער אויפן פסוק איש וביתו באו, פארוואס שטייט אנהייב א לשון הוה "הבאים", און נאכדעם א לשון עבר "באו". און אויך פארוואס שטייט "ויוסף היה במצרים" וואס איז די חידוש מיט די ווערטער?

איז די רבי מסביר אז די תלמידי בעש"ט זענען דא מרמז אין די פסוקים די גדלות פון די שבטים, אזוי ווי מ'זעהט אין חז"ל אז די זכות וואס די אידן האבן געהאט צו ווערן אויסגעלייזט איז געווען שלא שינו את שמם, און עס שטייט אין ספרים הק' די גרויסקייט פון די נאמען וואס אין דעם ליגט די שורש הנשמה פון א מענטש, און וועגן דעם זוכט די קליפה דאס אויסצורייסן, ווייל ווען מען הייבט זיך אן רופן מיט אנדערע נעמען ווערט מען דערווייטערט פון די שורש נשמה און פון די קדושה, און דעמאלטס איז גרינגער פאר די בעל דבר צו דערווייטערן דעם מענטש פון עבודת ה', און וויבאלד די אידן האבן זיך געשטאטרקט זיך נישט צו טוישן די נאמען זענען זיי געבליבן מקושר צום אייבערשטן, און דורך דעם האבן זיי געקענט זוכה זיין צו די גאולה.

און דאס איז די פסוק דא מרמז ואלה שמות בני ישראל "הבאים" מצרימה - מיט די נעמען וואס די אידן זענען אראפגעקומען קיין מצרים, מיט די זעלבע נעמען איז געווען

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

אין מצרים איש וביתו "באו", און וועגן דעם שטייט ו'אלה מוסיף על ענין ראשון אויף די נעמען וואס מען האט זיי געגעבן אין ספר בראשית, און וועגן דעם שטייט אויך ויוסף היה במצרים, אז אפילו יוסף הצדיק וואס איז שוין געווען לענגער אסאך אין מצרים, און פרעה האט שוין אפילו געטוישט זיין נאמען, נאכאלץ האט ער זיך גערופן מיט זיין אידישער נאמען יוסף.

*

הרה"ק ר' משה מאוסטראה זי"ע האט אמאל געפרעגט זיין גרויסער מחותן דער הייליגער עטרת צבי זי"ע אז הרה"ק רבי חיים וויטאל זי"ע שרייבט אין שער היחודים, אז די אויגן, נאז, מיט אלע אברים פונעם מענטש, זענען מרומז אין דעם גרויסע שמות הק', האט ער געפרעגט אז נישט נאר אידן האבן די אלע אברים, גוים האבן דאס אויך, איז וואס איז די חילוק פון די אברים פון א איד וואס אין דעם איז מרומז שמות הקדושים, און די אברים פון א גוי אז נישט.

האט דער עטרת צבי געענטפערט, אז עס ווערט גע'פסק'נט אין שו"ע הלכות תפילין אז א יעדע אות מוז זיין מוקף גויל און אויב נישט איז דאס נישט קיין אות, דאס הייסט אז עס מוז זיין ארומגענומען מיט ליידיגע פארמעט און עס טאר זיך נישט אנרירן איין אות מיט'ן אנדערן.

האט דער עטרת צבי' אויסגעפירט אז דאס איז די חילוק צווישן די אברים פון א איד און א גוי, א איד וואס היט אפ זיינע אברים, ער קוקט נישט וואס מען טאר נישט, ער הערט נישט וואס מען טאר נישט, ער רעדט נישט קיין דברים בטלים, ער איז א מוקף גויל און זיינע אברים זענען אותיות און צוזאמען ווערט עס שמות הקדושים, משא"כ א גוי וואס ער טוט וואס ער וויל קענען זיינע אברים נישט האבן קיין שום קדושה.

דער הייליגער אור מלא זי"ע טייטשט אריין די ווערטער פון זיין זיידע אין די וואכעדיגע סדרה, "ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה", ואלה שמות בני ישראל - דאס זענען די שמות הקדושים וואס זענען מרומז אין די אברים פון די אידישע קינדער, "הבאים מצרימה" - ווייל זיי קומען מיט א גרעניץ, א גויל אויף זייערע אברים, וועגן דעם קען רוען א קדושה אויף זיי.

אזוי אויך זעהט מען, אז ווען יעקב אבינו איז געגאנגען צו לבן'ס הויז האט ער זיך דארט אויך שטארק געהיטן, ער האט דאך מעיד געווען אז 'עם לבן גרתי ותרי"ג מצות שמרתי', און ווען ער איז צוריק געקומען מבית לבן שוין נאכ'ן זיך טרעפן מיט שר של עשיו, שטייט דארט ויבא יעקב שלם, אז יעקב אבינו איז צוריק געקומען גאנץ מבית לבן, און של"ם איז ר"ת ש'ם ל'שון מ'לבוש, אז ער האט זיך אפגעהיטן מיט די דריי זאכן, וואס דאס האלט אהן, די אידישע צורה, און דאס היט אפ אז די יצר הרע זאל נישט האבן קיין שליטה.












# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק מווילעדיק זי"ע

*דעם היינטיגן שבת קודש כ"א טבת, געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן "ווילעדניקער", הרה"ק רבי ישראל דוב בער בן רבי יוסף זי"ע.*

### ואלה מתולדותיו:

דער הייליגער ווילעדניקער רבי זי"ע איז געבוירן געווארן אין יאר תקמ"ח-ט, אינעם שטעטל קאטעלנע.

ווען ער איז געווען פיר-פינף יאר אלט, איז זיין טאטע אוועק פון דער וועלט ל"ע, און זייענדיג ניין-צען יאר איז אויך זיין מאמע נפטר געווארן.

ער האט חתונה געהאט בזיוו"ר מיט א טאכטער פון א גביר ר' משה, בזיוו"ש מיט א טאכטער פון א געוויסן ר' חיים.

ער איז געווען א תלמיד מובהק פונעם הייליגן מגיד מ'טשערנאביל זי"ע.

אין יאר תקפ"ט איז ער באוואוסט געווארן אלס גרויסער מנהיג.

אום כ"א טבת תר"י איז ער נסתלק געווארן.

ער האט מחבר געווען דעם ספר "שארית ישראל" און איז געדרוקט געווארן צום ערשטן מאל אין יאר תרכ"ו לפ"ק.

### בייגעלעך קערט צוריק אן עגונה די פרוי ביים רבי'ן אין צימער

דער הייליגער ווילעדניקער זיצט ביי זיך אין צימער איין טאג, ווען פלוצלונג רופט ער דעם גבאי'ן, און זאגט אים אן צו פארשפארן אלע טירן, און קיינעם נישט אריינלאזן. א דערשראקענער האט דער גבאי געפאלגט, אבער האט נישט געוואוסט קיין ערקלערונג וואס עס האט פאסירט.

עס גייט נישט אדורך עטליכע מינוט, ווען דער גבאי הערט ארויס פונעם רבי'נס צימער ווי דער ווילעדניקער זאגט מיט גרויס קאכעניש "זיי מיינען אז איך בין עפעס אנטשטאטס גאט, איך קען יעדן העלפן, ניין איך קען נישט, יעצט קען איך זיי מיט גארנישט העלפן...

דער גבאי הערט מיט שרעק דעם רבי'נס שארפע דיבורים, און ער וואונדערט זיך ווער עס דארף אנקומען און דער רבי וויל אים נישט אויפנעמען.

עס איז אדורך אפאר שעה און אין רבי'נס שטוב האט זיך אריינגעריסן אן אומגליקליכע פרוי, און געשריגן מיט יללות אז דער רבי זאל איר העלפן און אויסלייזן פון אירע יסורים, וויל שוין ניינצן יאר וואס איר מאן האט איר איבערגעלאזט אלס עגונה און זי קען זיך שוין מער נישט ספראווען מיט דעם עול הפרנסה.

דער ווילעדניקער האט זיך אבער נישט וויסענדיג געמאכט פון דעם פרוי, און אנגעשריגן דעם גבאי'ן פארן נישט גוט פארשפארן די טירן. די קולות און יללות פונעם פרוי האט זיך אבער נישט אפגעשטעלט, און איז געווארן העכער, אבער דער ווילעדניקער מאכט זיך נישט וויסענדיג.

די פרוי לאזט זיך אבער נישט, אירע טענות ווערן אלס העכער, "הייליגער רבי האט רחמנות אויף מיר און מיינע פיר קינדערלעך; כ'בין גרייט צו געבן דעם רבי'ן וויפיל געלט דער רבי וועט נאר פארלאנגען, און אפילו די פינף רובל וואס איך האב מיט מיר, וועל איך דעם רבי'ן אוועקגעבן!"

דא האט שוין דער ווילעדניקער רעאגירט, און זיך אנגערופן "נישט פינף רובל האסטו נאר זעקס". די פרוי האט באלד צוגעשאקלט אז ס'איז גערעכט וואס דער רבי זאגט. "און נישט נאר דאס" - האט דער רבי ווייטער געזאגט - "נאר דו האסט אויך נאך פינעף-און-צוואנציג קאפיקעס!", אויך דאס האט די פרוי באשטעטיגט, און מודה געווען אז די געלט דארף זי פאר הוצאות הדרך.

דער רבי האט ווייטער גערעדט: "און די געלט וועל איך נישט צונעמען ביי דיר, נאר כ'וועל דיר צוגעבן נאך; און איך גיב דיר אן עצה, אז פון די געלט זאלסטו קויפן בייגלעך אויפ'ן מארגנדיגן יריד, ווען דו וועסט האבן געקויפט די בייגעלעך זאלסטו זיך זעלבסט שטעלן אויפ'ן יריד און זיי פארקויפן, און מיט די געלט זאלסטו קויפן פרישע בייגעלעך און זיי ווייטער פארקויפן, און אפשר אזוי וועט דיר דער אייבערשטער העלפן אז דו וועסט קענען שפייזן דיין פאמיליע, און אויך חתונה מאכן די קינדער.

דער רבי האט פארענדיגט זיינע ווערטער, און אפגעציילט פאר דעם פרוי פינף-און-צוואנציג זילבערנע קאפיקעס און איר געוואונטשן הצלחה.

### די בייגעלעך געשעפט אויפ'ן מארק איז מצליח

די פרוי האט באלד איינגעקויפט בייגעלעך און זיך געשטעלט אויפ'ן מארק צווישן די פויערן צו פארקויפן איר סחורה. סוף טאג האט זי איבערגעציילט די ריווח וואס זי האט געמאכט און זי זעט אז די הצלחה האט איר גוט געשיינט. זי קלערט נישט לאנג און קויפט באלד איין נאך א גרעסערן קוואנטום פון פרישע בייגל.

דעם מארגנדיגן טאג איז זי אויך געשטאנען אויפ'ן מארק און פארקויפט בייגעלעך. זי האט גאנץ שנעל געזען אז די מזל שפילט איר גוט.

פארנאכט'ס האט זיך צו איר טישל דערנענטערט א גוי און פארלאנגט פון איר בייגעלעך פאר דרייסיג קאפיקעס. דער גוי האט ארויסגעצויגן פון זיין בערזל א גאנצן רובל, און די זיבעציג קאפיקעס רעשט וואס ער האט פון איר באקומען האט ער אריינגעשאקלט אין א קליין בערזל.

ביזדערווייל האט די פרוי געליגט אן אויג אויף דעם גרעסערן בערזל וועלכע דער גוי האט אראפגעלייגט אויפ'ן טיש, און האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און באלד דערנאך האט זי אויך געלייגט די הענט דערויף און עס אראפגעשארט אונטער'ן טיש, אריינוווישענדיג עס אין די שניי. דער גוי האט זיך געפארעט מיט די רעשט און מיט די בייגעלעך, און האט פארגעסן פונעם בערזל.

ס'נישט אריבער קיין סאך צייט און א בהלה איז אנטשטאנען ביי דעם פרוי'ס טישל. דער גוי האט זיך אומגעקערט און גענומען טענה'ן אז ער געדענקט אויף זיכער אז ער האט איבערגעלאזט זיין בערזל מיט צעהן טויזנט רובל, דא ביי דעם טישל. די פרוי ציהט אבער מיט די פלייצעס און ענטפערט דעם גוי אז זי ווייסט נישט וואס ער וויל: איר האט מיר געגעבן א רובל, איך האב אייך געגעבן רעשט, נעמט אייך די בייגעלעך און גייט פון דא.

צוביסלעך האבן זיך די טענער געהעכערט. דער גוי האט נישט געוואלט מוותר זיין אויף אזא ריזן סכום, און ער האט זיך גענומען הויך שרייען. די פרוי האט גענומען נאך העכער שרייען, ביז מען האט אלאמירט די פאליציי.

זעענדיג אז זיי קענען זיך נישט קיין עצה געבן, האט דער פאליציי זיך געוואנדן צו דעם גוי און געזאגט: הער מיין עצה, איך האב נישט קיין שום באווייזן אויף די פרוי, דעריבער זאג איך דיר שלעפ איר אריין צום ראבינער, און אויב איז

זי א גנב דארפסטו נישט זארגן ווייל זי וועט דיר דארט באצאלן ביז'ן לעצטן קאפיקע.

### דער ווילעדניקער איז דן איבער'ן בערזל געלט

דער גוי האט באלד אזוי געטאן, און אריינגעשלעפט דעם פרוי צום הייליגן ווילעדניקער. זי האט זיך ווייזט אויס בארעכנט אז עס לוינט נישט צו לייקענען, און זי האט געווינקן פאר'ן רבי'ן, אז די געלט ליגט ביי איר. דער רבי האט אלעס פארשטאנען און זיי ביידע געהייסן צוריקקומען מארגן. שפעטער האט דער רבי געלאזט רופן די פרוי, און ביי איר אוועקגענומען דעם בערזל מיט די גאנצע געלט.

אויפמארגנס זענען זיי ביידע געקומען אין די באשטימטע שעה, און אויך דער פאליציי באאמטער איז מיטגעקומען. דער רבי' ווענדט זיך צום גוי און בעט אים סימנים אויף די בערזל. דער מענטש האט באלד גענומען אויסרעכענען: אזויפיל און אזויפיל געלט האב איך געהאט אינעם בערזל, דער רבי' האקט אים אבער איבער און שרייט אויס: וואס זאגסטו דארט אין רוסיש, ווי גלייך דו פארשטייסט נישט וואס מ'רעדט צו דיר?

דער גוי שטייט פארלוירן און ווייסט נישט וואס מ'וויל פון אים. דער רבי' מוסר'ט אים אבער אויס און זאגט פאר'ן גבאי'ן: געב אים נאר אפאר געזונטע פעטש וועסטו זען ווי ער וועט רעדן אידיש.

דאס האט זיך אבער נישט אויסגעפעלט ווייל ער האט באלד גענומען רעדן א פליסיגן אידיש, דער רבי שרייט אים אבער גוט אן: דו ביסט דאך איר מאן, אויף וועמען האסטו זיי איבערגעלאזט? אז דו דארף יעצט חתונה מאכן די קינדער און זי האט נישט א פרוטה ביי די נשמה זיך מפרנס צו זיין?!...

דער מענטש האט באלד מודה געווען אז ער איז דער מאן פון דעם פרוי, ער האט איר געגעבן א גט כדת וכדין, און בלויז געבעטן מ'זאל אים אפגעבן איין טויזנטער פון די געלט, און דאס איבריגע האט ער אוועקגעגעבן פאר די פרוי מיט אירע קינדער.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**

# לוח היארצייטן



יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| כ"א טבת | הרה"ק רבי ישראל דוב בער בן רבי יוסף זי"ע - מ'ווילעדניק - שארית ישראל | תר"י |
| כ"ד טבת | הרה"ק רבי שניאור זלמן בן רבי ברוך זי"ע - מ'לאדי - בעל התניא ושו"ע הרב | תקע"ב |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ"א טבת | האשה החשובה מרת נחמה בריינדל בת ר' יוסף ע"ה סאמעט | תשס"ט | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ג טבת | הרב החסיד ר' חיים אלתר בן ר' ישראל ע"ה ניימאן | תשפ"ד | ביה"ח בקרית יואל |
| כ"ד טבת | הרב החסיד ר' דוד בן ר' ישכר דוב ע"ה טייכנער | תשפ"ד | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ד טבת | הרב החסיד ר' יעקב אליעזר בן ר' יחיאל מיכל ע"ה בערקאוויטש | תש"ס | ביה"ח בקרית יואל |
| כ"ה טבת | הרב החסיד ר' יצחק בן ר' אברהם ע"ה פישער | תשנ"ה | ביה"ח בקרית יואל |
| כ"ה טבת | הרה"צ רבי מרדכי בן ר' איתמר ע"ה לייפער מ'בישטנא | תשנ"ב | ביה"ח בטבריה |
| כ"ה טבת | הילד מרדכי שמעון ע"ה בן ר' חיים יוסף הי"ו גאטליעב<br>לא הניח אחריו זש"ק | תשנ"א | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ו טבת | הרב החסיד ר' יעקב יואל בן ר' מאיר יודא ע"ה באנדא | תשפ"א | ביה"ח בקרית יואל |
| כ"ו טבת | הרבנית הצדיקת חנה בת הרה"צ רבי ישראל ז"ל לאווי<br>אש"ח הרה"צ רבי מרדכי סג"ל זצ"ל - בנו הגדול של רבינו השרף זי"ע | תרפ"ט | ביה"ח בטאהש אונגארן |
| כ"ז טבת | הרה"ג רבי אברהם חיים בן ר' בנימין זאב זצ"ל שפיטצער אב"ד אור חיים | תשע"ד | ביה"ח בשיכון סקווירא |
| כ"ז טבת | הרב החסיד ר' דוד בן ר' דוב הלוי ע"ה ניימאן | תשמ"ח | ביה"ח בקרית יואל |

# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס
ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מר"ץ

## המשך הלכות תפילין

אויב מ'האט מפסיק געווען בדיבור - אפילו איין ווארט[1], אפילו בשוגג[2], אדער לשון הקודש[3] - אויב ס'איז נישט מענין המצוה, דארף מען מאכן אויפן של ראש צוויי ברכות להניח תפילין און על מצות תפילין[4].

אויב האט מען אבער שוין אנגעהויבן צו מהדק זיין, אפילו ס'נאך נישט גוט מהודק, איז דאס בדיעבד נישט קיין הפסק[5].

לכתחילה טאר מען אויך נישט מפסיק זיין בדיבור אפילו לצורך התפילין. אויב מ'האט יא מפסיק געווען בדיבור (צווישן די ברכה פון להניח, ביז נאכן לייגן די של ראש אויפן קאפ), מאכט מען נישט איבער קיין ברכה[6].

ווען מ'דארף איבערמאכן די ברכת 'להניח', איז ריכטיג אז גלייך נאכן מאכן די ברכת 'להניח תפילין' זאל מען רוקן (ממשמש זיין) די של יד פון פלאץ, און מחזק זיין די קשר, און דערנאך לייגן דעם של ראש, (און מאכן די ברכת על מצות תפילין, און מהדק זיין). אזוי וועט די ברכת להניח ארויפגיין אויך אויפן של יד, און ס'איז דומה כאילו ער האט יעצט געלייגט די של יד און של ראש גלייך איינס נאכן צווייטן[7].

ממדת חסידות זאל מען נישט מפסיק זיין נאכן הידוק השל ראש פאר ברוך שם, אויב האט מען מפסיק געווען קען מען זאגן ברוך שם נאכדעם, ס'איז נישט מעכב[8].

אויב האט מען געהערט א דבר שבקדושה נאכן הידוק פאר ברוך שם דארף מען ענטפערן אמן. און דערנאך זאגן ברוך שם וויבאלד דאס נישט מפסיק זיין אינצווישן איז ממדת חסידות[9].

אויב האט מען געהערט קדיש אדער קדושה צווישן תפילין של יד און של ראש, זאל מען נישט מפסיק זיין צו ענטפערן, נאר זיין שטיל און צוהערן[10].

אויב האט מען יא געענטפערט, זענען דא וואס האלטן אז מ'מאכט א נייע ברכת להניח תפילין אויפן של ראש[11]. אבער למעשה ספק ברכות להקל, און מ'מאכט נאר די ברכה 'על מצות' אויפן של ראש[12] (ס'איז כדאי צו פרעגן א שאלה).

לכתחילה זאל מען אויך נישט ענטפערן אמן אויף א ברכת תפילין פון א חבר, וואס מ'האט געהערט אינמיטן, אבער אויב מ'האט יא געענטפערט אמן דארף מען נישט איבערמאכן א ברכה[13].

## אינמיטן דאווענען

מצוה מן המובחר איז צו גיין מיט תפילין א גאנצן טאג[14], אבער וויבאלד מ'דארף האבן א גוף נקי, און מ'טאר נישט מסיח דעת זיין, דעריבער פירט מען זיך צו לייגן תפילין נאר צום דאווענען שחרית, (ווייל אין די קורצע צייט קען יעדער נזהר זיין אין די הלכה)[15].

שטייט אין שו"ע אז א מענטש דארף אנרירן (טאפן, ממשמש זיין) די תפילין ווען ער דערמאנט זיך אין זיי, אזוי וועט ער נישט צוקומען צו מסיח דעת זיין.

מ'פירט זיך צו ממשמש זיין די תפילין ביי עטליכע פלעצער אינמיטן דאווענען. די מנהג איז אז ווען מ'איז ממשמש געבט מען א קוש די האנט[16].

ווען מ'איז ממשמש די תפילין, זאל מען קודם אנרירן (ממשמש זיין) די של יד תפילין, ווייל די של יד איז נענטער און אין מעבירין על המצוות[17].

---

1 'ביה"ל (סי' כה ד"ה ואם הפסיק) שאפילו תיבה אחת הוי הפסק.

2 שו"ע (סי' כה ס"ט), מ"ב (סי' כה סק"ל).

3 מ"ב (סקכ"ט).

4 רמ"א (סי' כה ס"ט), ושועה"ר (סי"ג).

5 ברכת הבית (שער לח ס"ז ובסק"ט): ד'קודם התחלת ההידוק הוי כלא התחיל המצוה, דלא קיים עדיין המצוה כלל, וא"כ הוי הפסק בין ברכה להתחלת המצוה, אבל לאחר שהתחיל להדקן א"כ התחיל במצוה, ולא הוי הפסק בדיעבד'.

6 שו"ע (סי' כה ס"י), בשועה"ר (סי' כה סי"ח יט כ), ומ"ב (סי' כה סקל"ד) 'אבל לכתחילה אסור להסיח בין ברכת להניח עד אחר הנחה של ראש אפילו בדברים שהן לצורך תפילין, אם לא היכי שאי אפשר בענין אחר'. ובמ"ב (סקל"ג) 'ואפילו אם סח בין ברכת להניח ובין הנחת התש"י ג"כ דינא הכי' שאינו חוזר ומברך. בבן איש חי (וירא ס"י).

7 מ"ב (סי' כה סקל"ב) 'ונכון שימשמש אז בשל יד להזיזו ממקומו, ויחזק הקשר, ובזה תחזור ברכת להניח גם על השל יד, ודומה כאילו הניח עתה השל יד והשל ראש תכופים זה לזה, ואם בירך בלא משמוש, ימשמש אחר הברכה', וכן בקיצור ש"ע (סי' י ס"ט).

8 אשל אברהם (סי' כה) בשם של"ה הקדוש. אכן רביה"ק מ'טאהש זי"ע אמר ברוך שם אחר שנטל ידיו אחר הידוק השל ראש.

9 כן משמע שם בשל"ה.

10 שו"ע (סי' כה ס"י). מ"ב (סקל"ז).

בהגהות רעק"א (סי' קט ס"א) כתב דהמתפלל שמו"ע והגיע הש"ץ לקדושה אפשר דיכול להגביה עצמו ולכאורה ה"ה כאן וצ"ע לדינא. ולכרוע במודים דרבנן, הרי כתב בשו"ע (סי' קד ס"א) שישחה אף באמצע שמו"ע וה"ה כאן. בית נאמן בישראל (עמ' פט).

11 שועה"ר (סכ"א), דרך החיים, קיצושו"ע (סי' י ס"ט) חיי"א (כלל יג ס"ה), ובמ"ב (סי' כה סקל"ו) בפנים.

12 ובבן איש חי (וירא ס"י), כף החיים (סי' כה סקס"ג), והמ"ב (שם) מציין לביה"ל (ד"ה אם שמע) ושם כתב דהארצות החיים הכריע דלדידן דמברכין על של ראש על מצות, א"צ לחזור ולברך להניח.

השועה"ר בסידורו כתב 'אעפ"כ אם שמע קדיש או ברכו או קדושה בין תפילין של יד לתפילין של ראש, מותר להפסיק ולענות עם הצבור, ואע"פ שגורם ברכה אחרת על של ראש, ואסור לגרום ברכה שאינה צריכה, לפי שיש אומרים שמברכים לעולם על של ראש על מצות תפילין אף אם לא שח בנתיים' אבל שם בסידור סובר שבכלל א"צ לברך על של ראש ברכה בפני עצמה, ורק אם מפסיק יברך על של ראש רק ברכת על מצות (מה שבשו"ע שלו סובר כשאר פוסקים שיוצרך שני ברכות) ולכן כתב שלברכת על מצות כיון שיש כמה שסוברים שבלאו הפסק צריך לברך, א"כ אין חשש אם מפסיק לאמן. ועי' בבית נאמן בישראל (עמ' פז פח).

13 במ"ב (סי' כה סקל"ה) מבואר שאין לענות אמן אפילו על ברכת תפילין של חבירו, וכן הוא בבאה"ט (סקי"א), ובכף החיים (סי' כה סקס"ד). אבל דעת שו"ת פנים מאירות (ח"א סי' נט) שמותר לענות דהוי האמנה על מצות תפילין, וכן הוא בקיצוש"ע (סי' י ס"ח), ובשו"ת בנין עולם (סי' ה).

14 שו"ע (סי' לז ס"ב. ובסי' כה ס"ד), ובמ"ב (סקי"ד), ביה"ל (סי' לז ד"ה מצותן), שלחן הטהור (סי' כה ס"ג), של"ה (חולין).

15 מ"ב (סי' לז סק"ה).

16 חיי אדם (כלל יד סט"ו) 'והמנהג לנשק בשעת משמוש', ובקיצור שו"ע (סי' י סי"ז) 'כשאומר וקשרתם לאות על ידך ממשמש בשל יד נושק, וכשאומר והיו לטוטפות בין עיניך ממשמש בשל ראש ונושק', ועי' בספר עבודת יששכר (תזריע אות ה) 'נשיקת התפילין והמזוזה מצלת מנגעי בני אדם הנולדים מרוחות רעות הארבים על האדם'.

יש שאין נושקים התפילין בידם, רק מנשקים ע"י הפסק. ויש שמנשקין התפילין עם הטלית, או עם אחד מהרצועות של ראש, ובבית נאמן בישראל (עמ' קסז) כתב שנראה שהוא עפ"י שו"ת רעק"א (ח"א סי' נח הובא בפ"ת יו"ד סי' רפה) 'אם אין מזוזה בתוך התיק, לא נכון להניח ידו עליה, דכל כתבי הקודש אסור ליגע בידו ערום וכו', ומה שאין נזהרים בתפילין לאחזם ערום, היינו דמצותן בכך, וא"א בענין אחר, ואם רצונו להניח ידו טוב להוריד מלבושו אשר על אצילי ידיו להניח על המזוזה', ולפי"ז בתש"י שהוא מכוסה אין קפידא, אמנם יש מנשקים גם את של יד בהפסק דבר אחר, ואפשר משום שאינם רוצים ליגע ברוק שבפה, ושבספר מושיען של ישראל (ח"א דף רמט) שהרה"ק מסאטמאר זי"ע לא נשק ידיו רק נשק התפילין ע"י הטלית והרצועה, כי חשש שע"י שיגעו ידיו בשפתיו, יכולים לנגוע ברוק, והחמיר על עצמו כדעת הראב"ד ב(תמים דעים סי' סו) דהנוגע ברוק צריך ליטול ידיו, וכמו שהאריך בשו"ת דברי יואל (ח"א סי' א).

ויש נוהגים לנשק את התפילין של יד ע"י הפה, ולא ע"י הידים, וכן נהג רביה"ק מטאהש זי"ע כמובא לעיל.

17 שו"ע (סי' כח ס"א), ומ"ב (סקי"ג) ולפי טעם זה, אם הי' ידו סמוכה לשל ראש, צריך למשמש בשל ראש תחלה, אבל בלבוש (ס"א) כתב דהטעם הוא כי כן נזכרים בפסוק והיו לאות על ידך ולטוטפות בין עיניך, והיינו דמוקדם בפסוק קודם, וא"כ אף אם ידו סמוך לשל ראש, יש לו למשמש השל יד קודם.

איבערצוגעבן אייער בריוו

שיקט א בריוו אויף
פאסט
11 Van Buren Dr. #205
Monroe, NY 10950

שיקט א
פעקס
845.610.8674

לאזט א מעסעדזש אויף
קול איחוד
718.451.8674
Ext. 841

וויבאלד עס נעמט צייט צו מגיה זיין די בריוון אין דעם אפטיילונג כראוי, ביטע אנטשולדיגן אויב זעהט איר נאך נישט גלייך אייער מעסעדזש אדער בריוו אינעם מדור.


## וואס איז די מקור בנוגע ענטפערן ברוך הוא וברוך שמו ביי די ברכות?

א גוטן לכבוד מדור מאנ"ש לאנ"ש.

בנוגע די שינוי המנהג ביי אונז דא אין טאהש, וואס מ'ענטפערט אויך ברוך הוא וברוך שמו ביי די ברכות, און נישט נאר אמן, און אזוי אויך ענטפערט מען אמן ביי ברכו נאך ברוך ה' המבורך לעולם ועד.

איך האב מיטגעהאלטן אז ביי כ"ק אדמו"ר מוויזניץ שליט"א לדפו"ש, וואס פלעגט אסאך וויילן אין טאהש במחיצתו פון הייליגן רבין זי"ע, פירט מען זיך צו ענטפערן ב"ה וב"ש אויך ביי די ברכות ביים עסן, און נישט נאר ביי ברכת השחר. און זיי זאגן דארט אז ס'קומט פון טאהש, איז אינטערעסאנט פון ווי דאס שטאמט, און פארוואס טאקע מ'טוט נישט אזוי דא.

אויך איז אינטערעסאנט אויב איינער ווייסט א פארקערטע מציאות, פארוואס ביי אונז פירט מען זיך נישט צו ענטפערן ב"ה וב"ש פרייטאג צונאכט'ס ביי די ברכה פון מגן אבות, ווען ביי אנדערע פלעצער ענטפערט מען עס יא הויעך.

א דאנק, יצחק ט.

## א גאסט אויף א ווייל, זעהט א מייל

לכבוד די מאנ"ש לאנ"ש אפטיילונג. איך בין נאך אונטערן רישומו דקדושה נאכן מיטהאלטן יעצט א שבת אין טאהש בצל הקודש, נאך אסאך יארן וואס איז מיר נישט אויסגעקומען צו זיין אין טאהש.

איך בין טאקע נישט קיין שרייבער, אבער דאס מוז איך ארויסברענגען "טאהש לעבט", די צדיק איז חי וקיים, מה זרעו בחיים אף הוא בחיים. די לעבטיגקייט אין טאהש במשך די גאנצע שבת בצל הקודש ביי כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א קען איך נישט ארפלייגן אין ווערטער, און אזוי אויך בין איך ספעציעל נתפעל געווארן מיטצוהאלטן א שבת מיט די טייערע בחורים דעם רבינ'ס תלמידים אין טאהש.

באוואונדערנדיג פאר מיין ידיד אין טאהש איבער וואס זעה מיינע אויגן זעהן, די התנהגות פון אזעלכע לעכטיגע בחורים בשנת תשפ"ו, זאגט ער מיר אז א גאסט אויף א וויילע זעהט טאקע אויף א מייל, אבער דאס איז נאר ביום השב"ק, איך זעה נישט וואס טוט זיך אינמיטן די וואך וויאזוי מ'לערנט פלייסיג א גאנצע וואך ביני עמודי דגירסא. און ער לייגט מיר צו וואס ער האט מיטגעהאלטן במו עיניו א צייט צוריק.

עס איז געווען ווען די ישיבה האט געמאכט א 'קרן חתנים' קאמפיין, ווי די בחורים האבן ארומגערופן צו שאפן גרויסע געלטער, צו קענען פינאנצירן די חלוקה וואס די קרן פארטיילט פאר די חתנים בעפאר די חתונה. ער קען זיך מיט איינע פון די בחורים האלט ער אויך מיט כסדר וואס טוט זיך אין ישיבה, אבער דאס האט ער זיך נישט פארגעשטעלט. ווען ער איז געקומען ברענגען זיין נדבה פרעזענליך פאר דעם בחור, און זיך נישט פארשטעלנדיג אנדערש אז ער קען מסתמא קומען אין א צייט וואס געווענליך איז עס אינמיטן סדר, ווי די סדר פון א קאמפיין איז אין אנדערע פלעצער, אז ווען די ישיבה מאכט א קאמפיין איז די ישיבה פארמאכט פאר צוויי טעג, און אלע בחורים זיצן ביים טעלעפאן און רופן. איז ער אבער גענצליך שאקירט געבליבן ארייננצושפאצירן אין היכל הישיבה, און זעהן ווי אלע בחורים זיצן און לערנען ווי כאילו לא היה, מ'האקט שטיקער ממש א מחיה.. און דער בחור האט מיר שפעטער פארציילט, אז לערנען איז לערנען און קאמפיין איז קאמפיין, דאס שטערט נישט איינס דעם אנדערן...

עס פעלט נישט אויס צוצולייגן קיין ווערטער... דאס וואס מיין ידיד האט מיר פארציילט וויאזוי די בחורים זענען עוסק בחדוותא דאורייתא בעבודת א עבודה א גאנצע וואך, און דאס וואס איך האב מיטגעהאלטן דעם שבת ביי רבינו שליט"א, אין צווישן די תלמידים הקרויים בנים, דאס איז די גרעסטע ראי' אז טאהש לעבט!

ב"ה דער אייבערשטער זאל העלפן אויף ווייטער, עד ביאת גואל צדק.

י.נ. - מעיה"ק ירושלים

# ניצוצי קודש



שנשמעו מפ"ק של מאליפנו ומדריכנו
## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

...אונז שטייען יעצט בעיקבתא דמשיחא, אונז שטייען יעצט סוף פון אלע גלות'ן, אידן גייען אדורך שוועריגקייטן, און דער אויבערשטער ווייסט וואס אונז גיי מיר אדורך, און ער שפירט עס מיט מיט אונז, און ער וויל עס שוין ענדיגן, ער וויל שוין פארמאכן דעם גלות – דעם געשעפט, און ער וויל אונז ארויסנעמען פון דא, דארף מען וויסן אז ווען מ'פארמאכט די געשעפט מוז מען באצאלן אלע חובות.

**אינ'אמת'ן אין די צייטן איז עס אסאך שווערע,**
**ס'איז דא גרויסע נסיונות, וואס הייסט ס'איז דא גרויסע נסיונות**

**ס'איז דא א גרויסע הסתרה, מ'זעהט ליידער די אנדערע זייט זענען מצליח מיט זייערע זאכן, מ'זעהט די אלע כלים די אלע זאכן וואס קומען ארויס, ס'גייט זיי גוט, מ'קען מיינען אז מן השמים איז מען מסכים מיט זיי, אבער אונז דארף מיר וויסן אז 'ניין', דאס וואס אונז גייען אריבער די נסיונות איז נאר ווייל ס'קומט שוין די סוף פון די גלות און מ'דארף באצאלן די בעלי חובות, מ'דארף באצאלן פארן אויבערשטן.**

יעצט שטייען אונז ביי די מצב, וואס אונז ווייסן נישט, ס'איז א בלבול הדעת, מ'זעהט די אנדערע זייט מאכט א לעבן, און אונז גייען אדורך שוועריגקייטן, אבער פונדעסטוועגן א איד ווייסט דאך אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט, ער האט דאך אמונה אינעם אויבערשטן, ער ווייסט אז דער אויבערשטער געבט אכטונג אויף איהם. סוף כל סוף האט מען געזעהן אין די לעצטערע יארן אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, מ'האט געזעהן קלאר אז ס'איז דא א בעל הבירה, אפילו די גוים האבן דאס געזעהן, און אוודאי די אידן, און מיט די אמונה דארפן אונז זיך האלטן.

..פארשטייט זיך אז צו זוכה זיין צו די אלע השפעות טובות דארף מען זיך צוגרייטן צו דעם

**אז מ'פירט זיך אויף בקדושה ובטהרה, אז מ'לייגט די גדרים וסייגים אויף די זאכן וואס קומען היינט ארויס, אז מ'פרובירט זיך אנצושטרענגען, אפילו מ'דארף עס פאר די געשעפטן פרובירט מען אויך אז ס'זאל זיין גדרים וסייגים, דאס איז די איינציגסטע זאך וואס ברענגט פאר א מענטש אז ער זאל קענען מצליח זיין.**

מ'דארף דאך האבן השפעות טובות אז מ'זאל קענען לערנען די הייליגע תורה, מ'דארף דאך האבן השפעות אז מ'זאל קענען אויפציען ערליכע קינדערלך, מ'דארף האבן פאר די תלמוד תורה, מ'דארף האבן פרנסה אין שטוב, די השפעות איז א זאך וואס איז זייער וויכטיג, דאס איז וויכטיג פאר די תורה, און די תורה מיינט אויך תפילה, ס'מיינט יראה, ס'מיינט אהבה, צו די אלע זאכן דארף מען טאקע האבן השפעות, דאס אלעס קען מען טאקע נאר האבן מיט געלט, אבער מ'דארף וויסן איין זאך: גדרים וסייגים מיט קדושה וטהרה דארף זיין, נאר דעמאלטס קען מען מצליח זיין.

(מסיבת לחיים ליל זאת חנוכה תשפ"ו העעל"ט)

מכון
ניצוצי הלוי

# במקהלות

נייעס, באריכטן און אנטוויקלונגען, אינערהאלב

**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**

צווישן מקהלת אנשי שלומינו ברחבי תבל

ישיבה גדולה אור החיים דקריתינו הק':

## מעלטיגע קנאת סופרים שטעלט זיך ארויס ביים מכירת הזכותים לקראת דעם בעפארשטייענדן 'שבת חבורתא קדישתא' בנוכחותו פונעם ריש מתיבתא קדישא כ"ק מרן רבינו שליט"א בעת דעם ביקור בהיכל הישיבה בעפארן אפרייזן למנוחת הנפש

דעם פארלאפענעם מאנטאג שמות העעל"ט האבן די תלמידי הישיבה געהאט די געהויבענע זכי' אז מרן רבינו שליט"א איז געקומען לבקר בהיכלו, און אפרעכטן אינאיינעם א תפלת שחרית הארט איידערן אפרייזן למנוחת הנפש.

מרן רבינו שליט"א איז ערשינען צו תפלת שחרית דעם פארלאפענעם מאנטאג אינדערפרי, ווי מען האט אינאיינעם געדאווענט א אויסנאם התלהבות'דיגען תפלת שחרית בכוונה יתירה, און נאכן דאווענען זענען די תלמידים אריבער כבקרת רועה עדרו ביי מרן רבינו שליט"א זיך געזעגענעדיג בעפארן אפרייזן למנוחת הנפש.

דאן האט זיך אפגעשפילט דאס אומערווארטעטע, ווען הרה"ג המנהל שליט"א האט פארבעטן פון מרן רבינו שליט"א צו פארבלייבן נאך עטליכע מינוטן, מיטצוהאלטן די השתוקקות פון די געטרייע תלמידים ללימוד התורה, די מנהל שליט"א האט דאן אנגעהויבן צו פארקויפן די זכותי השבת, אויף וואס די בחורים צווישן זיך האבן געצויגן אויף העכער און מערערע שעות תורה אדער דפים גמרא, ווי אלע זכותים פונעם שבת ווי עליות לתורה, הוצאה והכנסה, הגבה גלילה, א.א.וו. זענען פארקויפט געווארן פאר קרוב צו טויזענט שעות רציפות און קרוב צו 2 טויזענט בלעטער גמרא.

מרן רבינו שליט"א האט געגאסן פון די מחזה הוד הויפענעס קוועלער פון הנאה און קורת רוח, צוזעהנדיג ווי זיינע געטרייע באליבטע תלמידים זענען משתוקק ללימוד התורה, און דאס איז זייער שטרעבן און ציל זייענדיגע צווישן די ישיבה ווענט אין די גאלדענע ישיבה גדולה יארן, און דאס גרויס התרגשות האט זיך שפעטער שטארק ארויסגעקענט ווען מרן רבינו שליט"א האט זיך ספעציעל פארבינדן מיטן חשוב'ן מנהל שליט"א, ארויסברעגנדיג רגשי לבבו פון די מעמד נפלא, און געבעטן פונעם מנהל צו אריבערברענגען לביתו נאוה קודש די נעמען - שמם ושם אמם - פון די תלמידים היקרים וועלכע האבן אפגעקויפט די זכותי השבת.

*

## מיט א פלאמעדיגע אש התורה טרעטן תלמידי שיעור ב' אריין אין א פרישע תקופה אינערהאלב די חבורה קנין שלם, ווען מ'גרייט זיך אנצוהייבן די חזרה אויף די לימודים אין מסכת בבא בתרא די קומענדיגע וואך

כהכנה צום גרויסארטיגען לימוד החזרה ווי די תלמידים וועלן אנהייבן צו חזר'ן די מסכת אויף א אופן פון חזר'ן די לימודים פון די פארלאפענע יאהר, זענען די תלמידים דעם הייניגן מיטוואך - ח"י טבת -

אריינגעפארן קיין מאנטריאל אפצורעכטן א סדר הלימוד און א דערהויבענע תפלת שחרית אינעם הייליגן בית המדרש ווי רבינו הקדוש מייסד הישיבה האט איינגעווארצלט די ערשטע קערענדליך פון קהילותינו ומוסדותינו הק' בקדושה וטהרה אחר שנות הזעם.

די תלמידים זענען אריינגעפארן אין די פריע פארטאגס שטונדן, אנקומענדיג צום בית מדרשינו אוהל אלימלך איז פארגעקומען כהכנה לתפלה א סדר הלימוד בלימוד החזרה אין מבכת בבא בתרא, און אנגעהויבן דעם פרישן סדר החזרה מיטן רעכטן פיס, שווימענדיג אינעם ים התלמוד בריתחא דאוריתא. און דערנאך האט מען אינאיינעם אפגעראכטן א דערהויבענע ווארימע תפלת שחרית בצוותא חדא אינעם מסוגל'דיגן הייליגן בית מדרש.

נאך תפלת שחרית האבן איינע פון די תלמידים מסיים געווען א מסכת, און דאן איז פארגעקומען אינעם עזרת נשים א מסיבת לחיים ופת שחרית לרגל די יומדהל"ק פונעם הייליגן בני יששכר זי"ע ולרגל די יארצייט פון הרה"צ רבי מרדכי סג"ל זצ"ל בנו יקירו פון רבינו הק' זי"ע, ווי די תלמידים האבן זיך געוואשן און פארברענגט בשבת אחים.

בעת די מסיבה האט מען אינאיינעם געזינגען מיט גרויס התעוררות די ניגון אהבה רבה, און עס האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' יואל מתתי' קאהן שליט"א ראש כולל ערב בקהילתינו הק' אין מאנטריאל, וועלכע האט בנועם שפתיו ארומגערעדט איבער די געוואלדיגע שאיפה פון רבינו הק' זי"ע אויפצושטעלן תלמידים הגונים, און וויאזוי א לערנען דארף אויסזעהן בעמקות ובהבנה יתירה, און אויך ארויסגעברענגט ווי שטארק מ'דארף מחשיב זיין אז מ'האט די זכי' צו זיין אפגעזינדערט פון די רווישיגע גוי'שע גאסן, און לערנען בישיבה של רבי אינעם הייליגן שטעטל, און שטארק ארומגערעדט איבער די יעצטיגע ימי השובבי"ם וועלכע מען געפינט זיך אצינד, און וויאזוי מ'דארף אויסנוצן די טעג.

דערנאך האט אויפגעטרעטן די חשוב'ע מגי"ש הרה"ג רבי חיים סג"ל קרויס שליט"א, וועלכע האט שטארק מחזק געווען די בחורים צו אויסנוצן די פרייע צייטן בלימוד התורה, אויך האט ער ארויסגעברענגט די התקשרות פון רבותיה"ק צם הייליגן בני יששכר וצדיקי בית דינוב נ"ע, און ארומגערעדט איבער דאס חשיבות און נאסטאלגיע פונעם הייליגן ביהמ"ד ווי רבינו הק' האט געשטעלט די ערשטע טריט פאר הרבצת התורה.

*

אזוי אויך איז פארגעקומען נאכ'ן דאווענען בהיכל הישיבה א מסיבת לחיים ופת שחרית פאר תלמידי שיעור א' און תלמידי שיעור ג', לרגל די יארצייט פונעם הייליג'ן בני יששכר זי"ע און הרה"צ רבי מרדכי זי"ע, ווי עס האט אופגעטרעטן הרה"ג המשפיע רבי אלימלך סג"ל לאווען שליט"א בסיפורי צדיקים, און ארויסגעברענגט געוואלדיגע שטריכן פון וואס מ'קען זיך ארויסלערנען פון די צדיקים.

*

## תלמידי שיעור ב' האלטן מיט א ספעציעלע מסיבת מלוה דמלכה אויף א פריוואטע פארנעם בביתו נאוה קודש

די פארלאפענע מוצאי שב"ק פר' ויגש זענען די תלמידי שיעור ב' געלאדענט געווארן צו א ספעציעלע מסיבת מלוה דמלכה בביתו נאוה קודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואס דאס איז די צווייטע אין די רייע פון די פריוואטע מלוה דמלכה'ס וועלכע מרן רבינו שליט"א טוט פראווענען מיט די תלמידי הישיבה אויף א אויסנאמליכע פריוואטע פארנעם.

בעת די מלוה דמלכה האט מרן רבינו שליט"א מייחד געווען ספעציעל פאר די געטרייע תלמידים, וואס דאן האט די רבי פארברענגט מיט די תלמידים אויף זייער א פריוואטע פארנעם, פארברענגט און פארציילט סיפורי צדיקים וזכרונות ימי קדם, און די בחורים האבן פארציילט סיפורים און עס האט זיך פארפירט א פאטערליכע שמועס, פון וואס די תלמידים האבן דערפון ארויסגענומען הויפענס חיזוק און יראת שמים, און אנגעקניפט א אייביגע שטארקע קשר מיט רבם ומוראם.

*

מפעל פרנסה ביחד ע"י האיחוד:

# נייע חידוש צוגעשטעלט דורך "פרנסה ביחד" צו פארמערן אחדות אין פעלד פון פרנסה!

מטעם הנהלת האיחוד ווערט געמאלדן דעם שפאגל נייעם פראיעקט פון פרנסה ביחד, וואס וועט ארויפברענגען אויף קול איחוד אנשי שלומינו וועלכע פירן ביזנעסער געשעפטן און סערוויסעס, צו קענען איבערצוגעבן זייער אינפארמאציע פארן ברייטן ציבור אנשי שלומינו און טויזנטער קול איחוד אריינרופער, און אזוי פארמערן דעם איש את רעהו יעזורו אויף העכערע שטאפלען.

**די נייע אפטיילונג איז געעפנט געווארן אויף קול איחוד טאהש**, ביים דרוקן 133 פון די מעין מעניו.

די ערשטע אין די רייע קען מען הערן א רייכע אינטערוויו מיט הרה"צ ר' זיידל ראזענבוים שליט"א מנאדבורנא בלומינגבורג, איבער זיין "מכון הגורלות" און דעם אטאמאטישן גורל טעלעפאון סיסטעם, ווי מ'קען אויך מיטהאלטן א לעבעדיגע גורל פרעזענטאציע.

האלט מיט א לייוו גורל עקזעמפל אויפן טעלעפאון, און הערט מער איבער די ספעציעלע פראמאושן פון מכון הגורלות פאר איחוד מעמבער'ס.

**רופט אריין קול איחוד 133 מיטצוהאלטן דעם פראגראם.**

הרחמן הוא יפרנסנו ביח"ד!

לערנען אינאיינעם, דאווענען אינאיינעם, און האנדלען אינאיינעם.

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

שמות - תשפ"ו לפ"ק

## מאנטאג פר' ויחי

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר אלימלך בר"י סג"ל קרויס הי"ו פון וומסב"ג, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

## דינסטאג פר' ויחי

ביינאכט איז דער רבי געפארן מבקר חולה זיין ביי הגה"צ ר' אשר גרינפעלד שליט"א אב"ד וויזניץ, בביתו אין מאנטריאל, דער רבי האט שואל געווען בשלומו, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

שפעטער איז דער רבי אריבער צו "קביעת מזוזה" אין דעם נייעם פאבריק פון השותפים החשובים מוה"ר שמואל יעקב פעלבערבוים הי"ו עסקן בחצרות קדשינו, און זיין שותף מוה"ר ישעי' בנימין קרויס הי"ו, דער רבי האט זיך אומגעקוקט אינעם פאבריק, געקלאפט מזוזות, געמאכט א לחיים, און אנגעוואונטשן פאר די בעלי בתים ברכה והצלחה און סייעתא דשמיא.

## שבת קודש פר' ויחי

פארן זמן הדהל"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, די ליכט ביים עמוד, און די נרות שבת, און דערנאך געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א' גוט שבת'.

⋄

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הרה"צ רבי שמואל פריעדמאן שליט"א חדב"ן. מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ג ר' נחמי' צבי חיים סג"ל קרויס שליט"א, אב"ד קלוזש שליט"א, מוה"ר יואל אברהם סטרולאוויטש הי"ו פון בארא פארק, מוה"ר שמעון שווארץ הי"ו פון וומסב"ג, מוה"ר מרדכי פאדריגאל הי"ו, מוה"ר משה אהרן מאשקאוויטש הי"ו פון בארא פארק.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו לרגל די יארצייט פון אמו ע"ה, שיר המעלות הב' שמעי' ב"ר משולם שווארץ ני"ו.

נאכן בענטשן האט דער רבי געטאנצן מיט החתן יצחק ב"ר יעקב געלב ני"ו תלמיד ישיבה גדולה, החתן מרדכי מערמעלשטיין ני"ו בן אב"ד דעלאטין שליט"א פון מאנסי, און החתן אשר ענזיל ב"ר יואל סג"ל קרויס ני"ו פון קרית יואל, דערנאך אנגעוואונטשן פאר די חתנים און מחותנים ברכות לרוב.

דערנאך איז פארגעקומען די שלום זכור פון בן הנולד צו מו"ה יואל שימאנאוויטש הי"ו, וואו דער רבי האט טועם געווען פון די בונדלעך, און געגעבן שיריים און געוואונטשן לחיים פאר די בעל שמחה און זיידע'ס ובני משפחה.

שבת נותנים מוה"ר יואל ברנצ"ח סג"ל קרויס הי"ו פון קרית יואל. נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

⋄

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' יששכר דוב מאירוביץ שליט"א, שחרית האט געדאוונט הרה"ג ר' יואל ראזענבערגער שליט"א, נכד רביה"ק זי"ע.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הב' שמעון ני"ו בן הרה"ג ר' נחמן (בן אדמו"ר מ'ספינקא) כהנא שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, לוי הרב יושע ארי' גראס שליט"א מנהל מן המיצה, שלישי מו"ה יואל שימאנאוויטש הי"ו, רביעי מו"ה יעקב פרושינובסקי הי"ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, חמישי העסקן הדגול מוה"ר יואל גרינהוט הי"ו, ששי אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, שביעי מוה"ר יצחק לוי פרושינובסקי הי"ו פון מאנסי, אחרון חזק כ"ק אדמו"ר

מ׳ספינקא שליט״א.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען הרה״ח ר׳ חיים פנחס צוויבל הי״ו. הגבה מו״ה ליפא גראס הי״ו פון וומסב״ג, גלילה מו״ה שמעון שווארץ הי״ו פון וומסב״ג.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען הרה״ח ר׳ חיים פנחס צוויבל הי״ו. פתיחה צו אנעים זמירות מוה״ר יואל אברהם סטרולאוויטש הי״ו.

⋄

נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים בהיכל הטישן בביתו נאוה קודש, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן מוה״ר ליפא גראס הי״ו פון וומסב״ג.

אז ביום השביעי מוה״ר אהרן פריעד הי״ו פון בארא פארק. ברהמ״ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה״צ רבי יחיאל מיכל ישעי׳ מאסקאוויטש שליט״א חדב״ן, שיר המעלות הב׳ בנציון קאסטא ני״ו.

דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי׳ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

⋄

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה מוה״ר זיידא ישראל יצחק מאירוביץ הי״ו. די עליות האבן עולה געווען ראשון מוה״ר ליפא גראס הי״ו, שני מוה״ר חיים בער שטיינמעץ הי״ו פון וומסב״ג, שלישי הרה״ג ר׳ משה מאירוביץ שליט״א, הגבה כ״ק אדמו״ר מ׳ספינקא שליט״א, גלילה החתן בן מוה״ר יואל סג״ל קרויס הי״ו פון קרית יואל.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הגאון הגדול הדומ״ץ שליט״א. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: מוה״ר יודא ארי׳ גראס הי״ו, מוה״ר יצחק לוי פרושינובסקי הי״ו פון מאנסי, הרה״ח ר׳ יחזקאל סג״ל וואנחאצקער הי״ו, הרה״ח ר׳ יעקב שמואל סג״ל קרויס הי״ו.

דער רבי האט געבענטשט ברהמ״ז על הכוס, הגבהת הכוס מוה״ר יואל כהנא הי״ו, שיר המעלות הב׳ יעקב יוסף ב״ר ראובן מנחם שווארץ ני״ו תלמיד ישיבה גדולה.

צו תפילת מעריב איז צוגעגאנגען הרה״ח ר׳ חיים פנחס צוויבל הי״ו, נאך מעריב איז דער ציבור אריבער דעם רבי׳ן וואונטשן א גוטע וואך א גוט יאר.

הגבהת הכוס צו הבדלה מו״ה חיים אייכלער הי״ו פון וומסב״ג, די הבדלה האט געהאלטן הב׳ צבי הירש ב״ר אהרן פריעד ני״ו פון בארא פארק.

דערנאך האט דער רבי דערציילט שיחות קודש.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

## מוצש״ק פר׳ ויחי

נאך קבלת קהל איז דער רבי געפארן קיין מאנטריאל, צו די סעודת מלוה מלכה וואס עס איז פארגעקומען בהיכל בית מדרשינו אהל אלימלך, פאר כל הקהל הקודש, לומדי ומתפללי בית מדרשינו.

עס האבן אויפגעטרעטן מיט פאסיגע דיבורים, הרה״ג ר׳ אלכסנדר בלויא שליט״א ראש חבורת עבודת עבודה, הרה״ג ר׳ עקיבא יוסף ראבינאוויטש שליט״א מרבני בית מדרשינו, און הרה״ח מוה״ר עזרא שמעון ישראל סג״ל נייהויזער הי״ו.

דערנאך האט דער רבי טועם געווען פון די קוגל און פארטיילט שיריים פאר כל הקהל הקודש.

דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש. דערנאך געוואונטשן לחיים, און מעלה געווען זכרונו הטהור פון רבינו הקדוש זי״ע משנים קדמוניות, בימים ההם ווען רביה״ק זי״ע האט געוואוינט אין מאנטריאל.

מיט ברהמ״ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הגה״צ ראב״ד סקווירא שליט״א.

⋄

שפעטער איז דער רבי אריבער צו "קביעת מזוזה" ביי די נייע פאבריק פון הרה״ח ר׳ פנחס ארי׳ סג״ל קרויס הי״ו, ובניו מוה״ר יהוסף אלקנה הי״ו און מוה״ר נחמי׳ צבי הי״ו, דער רבי האט געקלאפט מזוזות, געמאכט א לחיים, און אנגעוואונטשן ברכה והצלחה וסייעתא דשמיא, פאר אלע בעלי בתים ובעלי מלאכה.

## זונטאג פר׳ שמות

נאכמיטאג איז פארגעקומען די אפשערן׳ס פון בן מו״ה יואל מערמעלשטיין הי״ו, בן מו״ה יעקב שאול הערשקאוויטש הי״ו, בן מו״ה אלי׳ דוב בלום הי״ו. דערנאך האט דער רבי אנגעטון די קאפל, געבענטשט די קינדער, און ווארעם אנגעוואונטשן פאר די עלטערן ברכות לרוב.


**אויב האט איר טעיפ׳ס פון סיי וועלכע ריקארדירונגען פון כ״ק מרן רבינו הקדוש זי״ע**

**ביטע זיך פארבינדן מיט הנהלת האיחוד - כדי לזכות את הרבים**

**רופט אריין קול איחוד טאהש 718-451-8674 און דרוקט 814.**

**יישר כח**

בס"ד

# גענדיגט!

נישט יעדע *קשיא* וואס איך האב דארף זיך ענדיגן מיט א *צ"ע*
נישט יעדע *ספק* וואס איך האב מוז בלייבן ביי א *תיקו*
נישט יעדע *צימישעניש* וואס איך האב מוז בלייבן *אומקלאר*
נישט יעדע *חסרון ידיעה* וואס איך האב מוז איך בלייבן ווי א *איני יודע*

חבורת מזון הנפש עפנט אויף די טויערן צו א נייע רעוועלוציע

## א שואל ומשיב
# איפן טעלעפאן

ווען איר האט א קשיא אויפן עמוד סיי אויף די היינטיגע סיי פון פריערדיגע עמודים קענט איר אריינזאגן א מעסעדזש אויף קול איחוד טאהש

514-500-8674 #4 - 1 - 5 - 1

מען וועט קענען הערן אלע תשובות דורך הרבנים הגאונים שליט"א אויף קול איחוד

514-500-8674 #4 - 1 - 5 - 2

אייער שאלה וועט געהערט ווערן נאר דורכן משיב

די תשובה וועט יעדער קענען הערן, דערמיט זענט איהר א מזכה את הרבים

אה! יעצט איז עס קלאר!! יש קול ויש עונה!

---

בס"ד

בית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
9 רחוב בית הלוי
קרית טאהש, קאנאדא

Secretarial of
Grand Rabbi of Tosh
9 Ave. Beth Halevy, Kiryas Tosh, Boisbriand QC J7E 4H4

בבית Tel. (450) 435-0209 | בבנין הישיבה In Yeshiva (450)430-6420 | פאקס Fax (450) 433-9379

# מודעה

הנני בזה להודיע לכל הקהל הקודש הע"י אשר

## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

לא ישבות בג' שבועות

## שמות - וארא - בא הבעל"ט

בקריתינו הקדושה

* * *

להזכרות וכדו' יכולין להתקשר אל המשב"ק

450-435-0209

בכבוד רב
העומדים על משמרת הקודש

---

מזון הנפש
דקהל אור החיים דטאהש

בעזהשי"ת

# סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת וארא =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק שמות | דף לד. | דף ל: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף לד: | דף לא. | דף קמא. | דף קלח: |
| מאנטאג | דף לה. | דף לא: | דף קמא: | דף קלט. |
| דינסטאג | דף לה: | דף לב. | דף קמב. | דף קלט: |
| מיטוואך | דף לו. | דף לב: | דף קמב: | דף קמ. |
| דאנערשטאג | דף לו: | דף לג. | דף קמג. | דף קמ: |
| עש"ק | דף לז. | דף לג: | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' פרשת בשלח
חבורת ז' עמודים - כל פרק שני
חבורת ה' עמודים - קלה: - קמה:

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה קען מען הערן אויף קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 1-4 פון די מעין מעניו

---

פרנס
השיעורי תורה על
'קול איחוד' לשבוע זו

נתנדב
לעילו נשמת
הרב החסיד ר' יעקב אליעזר בן ר' יחיאל מיכל ע"ה
בערקאוויטש
יארצייט כ"ד טבת
זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד לו ולזרעו להתברך בכל הברכות הכתובה בתורה עד עולם אמן

# קול איחוד טאהש
מקושר פון איבעראל
718.451.TOSH | 514.500.TOSH

718.451.8674 | 514.500.8674
0.333.015.0715 | 079.704.0074

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן ברייון, מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**


איחוד תלמידי וחסידי טאהש
תלמידי חסידי טאהש
יו"ע
איחוד תלמידי וחסידי טאהש
פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערוויר'ן אנשי שלומינו

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950